Jagiellonske
Kraków

פרייז 25 גראשען | XV·טר יאָהרגאנג | — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. | „Radomer-Kielcer Leben" 32 (730) | הײנט 8 זײטן

ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 12-go Sierpnia 1938 r.
ראַדאָם, פרייטאָג ט״ו מנחם אב תרצ״ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

אבטיילונג פאר קעלץ אויף זייט 8

אבטיילונג פאר אָסטראָוויעץ אפּאַטאָוו, וויערזשבניק און סביבה — — אויף זייט 7

גרעזעלש. פאר פערשפרייטען מלאכה און ערד-ארבייט צווישען יודען געזע. „אָרט" אין ראדאם זשעראָמסקי 27

פריוואטע פראפעסיאָנעלע קורסען פאר פרויען

דעם 1 ווזשעשיען ה. י. ווערט געעפענט א קורס פאר

דאמען - שניידעריי

ס׳ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען.

אינפארמאַציעס ערטיילט טעגליך אין דער קאַנצעלאַריע פון די קורסען פון 10 ביז 13 אין לאָקאַל אויף זשעראָמסקי 27.

די לייטונג.

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA
DOBRA KAWA

דאָנערשטאָג כ״א מנחם אב תרצ״ח (18 אויגוסט 1938) פאַלט אויס די ערשטע יאָהר-צייט

פון אונזער געליבטער און נישט פערגעסענער

פרוי, מוטער און שוועסטער

רבקה גיטעל ווײנטרויב נ. ע.

(פון דער היים דען)

אין זעלבען טאָג פון דער יאָהר צייט 11 אינדערפריה וועט פּאַרקומען די ענטהילונג פון דער מצבה און ס׳וועט אָבגעריכט ווערען אויף איהר קבר אַן **הזכרה**, אויף וועלכער עס ווערען פערבעטען קרובים, פריינד און בעקאַנטע.

מאַן, טאָכטער, ברידער, און שוועסטער

Panu Mordechajowi Lengerowi
z powodu zgonu b. p.

OJCA Jego

składają wyrazy najgłębszego współczucia

Henrykostwo Norymberscy
Katowice.

טעאַטער
„ראַזמאַיטאָשטשי"
ראַדאָם

מאָרגען שבת· צו נאַכטס דעם 13·טען
נאָר איין גאַסטשפּיל
פון די בעזוסטע ארטיסטען
דיאַנא בלומענפעלד
און **יאָנאַס טורקאָוו**
אין דער אויפפיהרונג פון דער בע·
בעקאַנטער שלאַגער-פּיעסע
„אַטענטאַט"
אָנהויב 9 אָוענד.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין ווארשטען-געשעפט זשעראָמסקי 9 און אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג ביי דער טעאַטער-קאַסע.

Lekarze - Dentyści
J. i L.

Berkowiczowie

Radom, Żeromskiego 22 tel. 27 - 26
powrócili
i przyjmują w godzinach od 10 — 1 i 4 — 7.

Podziękowanie.

Panu Dr-owi Kleinbergerowi I. za szczęśliwie przeprowadzoną ciężką operację, oraz P. P. Dr-om Kelerwurmowi, Fastmanowi, Gutmanowi, Najfeldowi, Goldsztajnowi, jakoteż p. Majerowi Finkielsztajnowi i siostrom Szpitala Starozakonnych — za troskliwą opiekę podczas choroby naszego syna Samuela — składają tą drogą serdeczne podziękowanie

Elfandowie.

געזעלשאַפט צו פערשפרייטען מלאכה און ערד-ארבייט צווישען אידען. געזו. **„ארט"** אין **ראדאם זשעראמסקי 27**

פריוואטע פראפעסיאָנעלע קורסען

פאר יוד. פרויען.

די נאָך פעריען - אויפנאַהמען אויפ׳ן שניידער-קורס הויבען זיך אָן דעם 16 ה. מ. 8 פריה.

די אנוועזענהייט פון אַלע שילערינס איז פערפליכטענד.

די לייטונג.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to

kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne

Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie Elektrycznym
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

דאַנקזאַגונג.

מיר דאַנקען אָמבעסטען דעם **ראַדאָמער רעליעף** אין **ניו-יאָרק,** ווי אויך דעם **15-ער קאָמיטעט** פאַר׳ן דערהאַלטען **10 דאָלאַר** פאַר אונזער אינסטיטוציע.

די פערוואַלטונג פון דער **תלמוד תורה**
אייף סקארשעווסקא 22

ביים האנדווערקער-קלוב וויטאַלדא 10

א ערשטקלאַסיגער

בופעט

מיט׳ן פערשידענע צוקערוואַרגס און געשמאַקע עסענס.

יעדען טאָג פון 12 א זייגער ווערען ארויסגעגעבען **פרישע מיטאָגער און די בעסטע שפּייזען**

ביינאַכט בעקומט מען קאָלאַציעס פון די פרישסטע פראָדוקטען.

די בעסטע געטראַנקען.

די קיך געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון א פראָפעסיאָנעלען קאָך-מייסטער, אויסגעצייכענטער אָרקעסטער קומט און איבערצייגט אייך.

מאָרגען שבת-צו נאַכט **א דאנסינג**

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײַע גארדעראָבעס, שנײַ ווײַסע פאָרהאַנגען,
גייעס נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje
Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס׳האָט זיך נאָך נישט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער אונפאַכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך גענאָשען אויף סריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג

קומט און איבערצייגט אייך

צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל 19 - 70

פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראוגוטטא 11
זשעראָמסקי 21, זשעראמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאָפּעליושען

ראדום

אונזער וואָרט
„אָרט" צום נייעם שול-יאָהר.

נישט דאָס ערשטע מאָל ווי מיר קומט אויס צו שרייבן וועגן דער סימפּאַטישער געזעלשאַפט „אָרט". און באמת: איז דאָך „אָרט" — ווי א געזעלשאַפט וואָס האָט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטען מלאכה ביי יודען — דער איינציגער רעטונגס-ברעט אינ'ם היינטיגען ווירטשאַפטליכען און עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט צומייסט געטראָפען דער יודישע באַפעלקערונג.

דאָס מאָל מוז איך אָבער, צו אונזער באַדויערען, פעסטשטעלען, אַז די היגע אָפּט. פון „אָרט" האָט אונז ענטוישט! הייל... איז דען די אויפגאַבע פון „אָרט" אויסצולערנען א פאַך צאָהלרייכע מיידלעך, וועלכע בעטראַכטען דאָס אויסגעלערענטע פאַר א נעבען-זאַך, אָדער גאָר ווי א זאַך, וואָס געהערט סתם צום גוטען טאָהן.. און דערצו נאָך: וואָס שאַדט עס דען צוזאַמען מיט דער מאַטורע-צייגניש אַרומצוטראָגען זיך מיט א צייגניש פון „אָרט"?

ניין, דאָס איז זיכער נישט די אויפגאַבע און ס'האָט זיכער נישט געלוינט די באמת שווערע מיה און מאַטער, וואָס עס האָבען אריינגעלייגט די איבערגעגעבענע פריינד: ד"ר שענדעראָוויטש, אינזש. שוואַרצבערג און פעלדשער אַבראַהמ'לע פינקעלשטיין. און אוודאי און אוודאי האָט נישט געלוינט אַזוי פיעל טויזענטער גילדען אַריינצולעגען! (פריהער פאַר'ן לאָקאַל, וואָס האָט געפּוסטעוועט א יאָהר צייט ביז צום בעשטעטיגט ווערען און איצטער פאַר'ן אַדמיניסטראַטיווען - אַפּאַראַט, וועלכער וואָלט זיכער געקענט צו דער זעלבער צייט אויך לייסטען פאַר נאָך עטליכע נוצליכע פאַך-קורסען.)

„אָרט" דאַרף אומבעדינגט פיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישען די אָרימסטע שיכטען און אויסלערנען זיי אַ פאַך, וואָס איז פאַר'ן אָרימען קינד א לעבענס פראַגע און איינציגע עגזיסטענץ!

אָט. איז פערהאַן אַ קליינע שטאָדט אין וואָלין, וועלכע בעקומט אַ קליינע סובסידיע ווי די ראַדאָמער אָפּט. און דאָך האַלט זי אויס א נאָרמאַלע שולע פון סטאָלאַרעס און שלאָסערס און — לאָזט אַרויס יעדעס יאָהר פרישע 200 שילער מיט אַ געזונטען פאַך אין האַנט!

פאַרוואָס געשעט עס נישט ביי אונז אין ראַדאָם? פאַרוואָס איז די היגע אָפּט. געבליבען שטיין ביי איין באַגרענעצטע אָפּטיילונג פון דאַמען-שניידעריי? — מיר ווילן פּרווען אָנווייזען אויף דריי מניעות: 1) די היגע אָפּט. האָט אומבאַדינגט געפירט א צו קליינע פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט צווישען די אָרעמע שיכטען; 2) די ראַדאָמער געזעלשאַפט האָט צו ווינציג אינטערעס אַרויסגעוויזען צו דער דאָזיגער אינסטיטוציע און 3) נישט גינסטיגע באַציאונג פון דער שול-מאַכט. ביישפּיל: די היגע אָפּט. האָט געוואָלט דעם קומענדיגען סעפּטעמבער עפענען א קורס פאַר גאָרטען-אַרבעט. צו דעם צוועק איז איינגעלאַדען געוואָרען אַן ערשט-קלאַסיגע אינסטרוקטאָרין, וועלכע איז טעטיג אויף אַזאַ קורס אין גראָדנע, אָבער... זי איז נישט באַשטעטיגט געוואָרען צוליב פאָרמעלע טעמים... (?!) ווייזט אויס. אַז דאָס וואָס עס איז מאַסגעבענד פאַר א צווייטע שטאָדט איז נישט מאַסגעבענד פאַר ראַדאָם...

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי איבערצוגעבען נאָך א כאַראַקטעריסטישען פאַקט: פערגאַנגענעם מערץ האָט אַ געוויסע שילערין, וועלכע איז עטוואָס יונגער פון 18 יאָהר אריינגעטראַגען א ביטע אין דער היגער אָפּט. פון „אָרט" וועגן צונעמען איר אויפ'ן קורס. די דאָזיגע ביטע איז צו יענער צייט נישט אָפּגעוואָרפען געוואָרען. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דער וויזיטאַטאָרקע פון קוראַטאָריום צו שטרייכען די זעלבע שילערין ערשט היינטיגע וואָך...

אָט די. און ענליכע פאַקטען האָבען געשאַפען א לאַגע, אַז דער פּרעזעס פון דער היגער אָפּט. ד"ר שענדעראָוויטש שטייט א סך מאָהל פאַר אומדערוואַרטעטע סיורפּריזען...

עס הייסט אָבער בשום אופן נישט, אַז מיר דאַרפען אַראָפּלאָזען די הענט. פאַרקעהרט: איצט מיטן דערנענטערן זיך פונם נייעם שול-יאָהר, דאַרף די אָרטיגע אָפּט. אָנהויבען פירן א ברייטע עפענטליכע פּראָפּאַגאַנדע צווישען דער היגער געזעלשאַפטליכקייט און אַריינציהען א גרעסערע צאָל פריינד און מיטבויער, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו עפענען נייע נוצליכע וואַרשטאַטען, וועלכע זאָלען אויסשולען נייע קאַדרען פון יודישע בעלי-מלאכות!

צום סוף א ווענדונג צום פּרעזעס פון דער היגער אָפּט. ד"ר שענדעראָוויטש: היות מיר שאַצען ווי געהעריג אָפּ אייער מיפּועלער אַרבעט און לייסטונגען פאַר דער דאָזיגער אינסטיטוציע, וואָלטען מיר גערן געוואָלט הערן אייערע מיינונגען און ענטפערס אויף אונזערע באַריהרטע פראַגען.

גבריאל וויסמאַן.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאָדט-ראַט
זענען אנגענומען געוואָרען אַ רייהע גרעסטערע הלוואות.

די נעכטיגע זיצונג פון שטאָדט-ראַט איז צוליב די גרויסע היצען, פאַרגעקומען אין קאַבינעט פון פּרעזידענט, וואו עס איז לופטיגער.

עס איז אָגענומען געוואָרען צונעמען אַ גאַנצע רייהע הלוואות ווי: א מיליאָן זל. אין דער ב. ג. ק. אַ קאָנווערסיע-הלוואָה פון 18 טויזענד זל. אין דער קאָמונאַל-באַנק אויף פּלענער ווי אַזוי אויסצובויען די שטאָדט; 5 טויזענד זל. אין אַ קראָקאָווער געזעלשאַפט אויף בויען פּאָושעכנע שולען; 192 טויזענד גילדען אין ב. ג. ק. אויף אויסבויען דעם 4-טען אַרבייטער-הויז, וואָס וועט בעשטעהן פון 3 שטאָק און וועט קאָסטען 478 טויזענד זל.

• • •

די פּאָושעכנע שולען וועלען אין דער נאָהנטסטער צייט אויפגעשטעלט ווערען אויף דער זאַמלינע און אין זשאַקאָוויעץ.

פון פּ. אָ. וו. איז דערהאַלטען געוואָרען אין שטאָדט-פערוואַלטונג אַ בריעף, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 20-יעהריגען יובּילעאום פון פּוילענס-אָבהענגיקייט בעטען זיי אין ראַדאָם אַ גאַס אויף דעם נאָמען פון פּ. אָ. וו. (פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציאַ וואָיסקאָוואַ). מען האָט בעשלאָסן אָנצורופען דעם נאָמען פון פּ.אָ.וו. גאַס די ביז איצטיגע אָגראָדאָוואַ גאַס.

אין די קאָמוניקאַטען טיילט מיט דער פּרעזידענט, אַז דער סענאַט-מאַרשאַלעק פּריסטאָר האָט צוגעשיקט אַ בריעף אין וועלכען ער דריקט אויס אָנערקענונג דער שטאָדט-פערוואַלטונג פאַר בויען שענע דירות פאַר דער שטאָדט. דער בריעף איז א רעזולטאַט פון דעם וויזיט וואָס אַ רייהע סענאַטאָרען און דעפּוטאַטען האָבען דאָ נישט לאַנג געמאַכט אין ראַדאָם.

הגם אויפ'ן טאָג-אָרדנונג זענען געווען 17 פּונקטען, האָט די זיצונג דאָך נישט לענגער געדויערט ווי 40 מינוט און אַרום 9 אָוונד האָט זיך די זיצונג פערענדיגט.

אר.

דער נייער פּראָיעקט וועגען קהלה-עטאַט
מיניסטעריום וועט בעשטימען די גרויס פון פּראָצענט.

ווי בעקאַנט, איז דורכ'ן בילדונגס-מיניסטעריום, וועמען עס ליגען אונטער די קהלות, געהאַט געוואָרן פּראָיעקטירט, אַז דאָס אויסמעסטען און איינמאַהנען דעם קהלה-עטאַט זאָל ווערען אַרויסגענומען פון דער קהלה-קאָמפּעטענץ און זאָל דורכגעפיהרט ווערען דורך די שטייער-אַמטען. לויט'ן דאָזיגען פּראָיעקט האָבען די שטייער-אַמטען געדאַרפט פון יעדען יודישען שטייער-צאָהלער צורעכנען 10 פּראָצענט און די איינגעמאָהנטע סומע אויסצאָהלען שפּעטער די קהלות.

דאָס אויספיהרען דעם דאָזיגען פּראָיעקט איז שפּעטער אָפּגעלעגט געוואָרען צוליב דעם, וואָס די קהילות האָבען זיך איהם ענטגעגענגעשטעלט, האַלטענדיג, אַז ער קאָן אונטערגראָבען אינגאַנצען זייער עגזיסטענץ.

איצט איז וועגען דעם ענין ענטשטאַנען אַ נייער פּראָיעקט, וועלכער ווערט דורכ'ן בילדונגס-מיניסטער שוין בעטראַכט.

לויט'ן דאָזיגען פּראָיעקט בלייבט ווייטער סיי די אויסמעסטונג פון עטאַט און סיי דאָס איינמאָהנען אין דער קאָמפּעטענץ פון די קהלה-פערוואַלטונגען, דאַגעגען די אויסמעסטונג וועט מוזען ווערען דורכגעפיהרט נאָר אין פערשטענדיגונג מיט די שטייער-אַמטען אַזוי, אַז די הכנסה וועט מעהר נישט קאָנען ווערען געשאַצט אויף בלינד, נאָר די אויסמעסטער וועלען אַלס באַזיס מוזען נעמען דעם הכנסה-שטייער, וועלכען דער עטאַט-צאָהלער צאָהלט דער מלוכה, לויט די פעסטשטעלונג און אָפּשאַצונג פון שטייער-אַמט.

מעגליך, אַז אין פּראָיעקט וועט גלייך ווערען פעסטגעשטעלט דער בעשטימטער פּראָצענט פון הכנסה-שטייער, וואָס וועט גענומען ווערען אַלס עטאַט.

דיאַנאַ בלומענפעלד און יאָנאַס טורקאָוו
פיהרען אויס „אַטענטאַט"

מאָרגען שבת-צו-נאַכט וועלען מיר זעהן שפּילען טעאַטער די פּאָפּולערע יודישע אַרטיסטען יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד. זיי וועלען אויפטרעטען אין „אַטענטאַט"

ביידע אַרטיסטען זענען אין ראַדאָם גוט בעקאַנט און דער טעאַטער-עולם נעמט זי שטענדיג וואַרים אויף .

אויסבעסערונג.

אין דער דאַנקזאַגונג פון „הכנסת-אורחים" בּרויך זיין אַנשטאָט 75 דאָלאַר – 15 דאָלאַר.

קאָסטען בעריכט
פון שפּיטאַל-רעמאָנט אין דער צייט 6 XI 1937 ביז 30 V 1938.

דער בעריכט ווערט פערעפענטליכט אין דער פּרעסע קאָנדענסירט אין אַלגעמיינע ציפערען. בעזונדער וועט די גמינע אַרויסלאָזען אין איינציגע עגזעמפּלאַרען א גענויערען בעריכט מיט אַלע פּרטים.

טעכנישע מאַטעריאַלען:

בלעך, אייזען, רערען, קראַנען, צעמענט, אָקוטשע, ווענטילאַציע אין אַלע צימערען און זאַלען, וואַסער און גאַז-לייטונג, קאַנאַליזאַציע, קלאָזעטען, וואַנגעס, קיך, בּוילער, אַנקערס צו ווענד, איבערבוי פון פענסטער, טירען, טרעפּען, אינערליכע איינריכטונגען א. ז. וו.	9.209.04	
האָלץ און בוי-מאַטעריאַל	4.211.51	
ציגעל, קאַלך, זאַמד, ליים און שטיינער	2.712.75	
פאַרבען	2.158.36	
טראַטואַרען, צעמענט, רערען	488.13	
פּודמאַנקעס	234.37	
וואַסער צו קאַלך לעשען	23.75	19.037.91

אַרבייטס-לוין

פאַר נישט קוואַליפיצירטע אַרבייטער, טשעסלער און מויערער פאַר מויערען, טינקעווען, און פערשידענע איבערבוי אַרבייטען	9.585.31	

קוואַליפיצירטע בעלי מלאכות

קאַנאַליזאַציע און וואַסער-לייטונג	1.818.80	
סטאָלאַרסקע אַרבייט	2.491	
בלאַכאַרסקע	1.382.60	
פּערלעגען פּליטקעס	676.20	
בּרוקאַרסקע אַרבייט	77.60	
שלוסאַרסקע אַרבייט	1.322	
מולאַרסקע	1.288.70	
ניקלען	25.10	9.082.00
פּלענער, טעכנישע און אַמטליכע אויפזיכט	1.621.50	
קאָקס און קוילען אין ווינטער חדשים אין דער צייט פון רעמאָנט	874.30	2.495.80
17 אייוויינס פון א ספּעציעלען פּאַטענטירטען סיסטעם	3.666.58	
פּאַרקעטען און פּאָסאַדסקעס	2.338.50	
שטיינערנע פּליטקעס	552.22	
עלעקטרישע אינסטאַלאַציע	1.699.50	
בעטען, מאַטראַצען און כירורגישע אינסטרומענטען	7.667.01	
לינאָלעאום און כאָדניקעס	1.092.62	
שויבען, גלאַז און שפּיגעל	750.06	17.776.49
גאַז און עלעקטריע	210.15	
אַרויספיהרען גרוז	135.11	
פּלאַנטעווען און גערטנער אַרבייט	265	
טעלעפאָנען	210.34	
טרויש	390	
בענזין	17.40	
אינקאַסע	265-25	
נאָקאַזען	55.35	1.548.60
דרוקזאַכען, אויפרופען פון געוועזענעם קאָמיטעט, בעריכטען שרייב-געצייג פאַר דעם עפענען שפּיטאַל	981.95	
דרוקען, ביכער פאַר'ן שפּיטאַל און אַנדערע דרוק-זאַכען צום בעטריב	549.85	
רייזע-שפּעזען פון ד"ר גאָלדבלום און ד"ר קליינבערגער קיין וואַרשא און קעלץ ווי אויך דעלעגאַציעס קיין אָטוואָצק איינציגע מאָהל	216.10	
אַדרעס פאַר פּ. ב.	135.50	
פאָרמאַליטעטען פון סטאַטוט, פּאָסט-שפּעזען, טעלעגראַמעס און קאָנטראַקט-קאָסטען מיט מאַגיסטראַט	225.98	
צינזען פאַר שפּענדונגען און וועקסלען	152.	
ערעפענונגס-פייערונג	672.72	3.014.10
		62.540.21

דער בעריכט נעמט נישט אַרום די געשענקטע פּליטקעס און וועש פון די ה"ה ראָטענבערג, כמיעלאָוש, נאַרימבּערסקי און לעווענשטיין.

א חוץ געשענקטע זאַכען פון אייניגע יחידים און עטליכע קליינע געלד - נדבות האָט די היגע יודישע בעפעלקערונג בס"ה געגעבען אויף צוואַנגס - בודזשעטען פאַר'ן רעמאָנט 18550 זל. שוין צוזאַמען מיט די א ערך 5000 זל. וואָס דער פריערינער קאָמיטעט האָט פרייוויליג צונויפגעזאַמעלט.

די מיטווירקונג פון דער אָרטיגער געזעלשאַפט איז געווען א זעהר בעשיידענע און דעריבער האָט די גמינע געהאַט צו קעמפען מיט גרויסע שוועריגקייטען און דער לאַסט איז אויף איהר אין א זעהר גרויסע מאָס געפאַלען.

חוצפה!

די פאָריגע וואָך האָב איך געפרעגט, צי שטעהען די געזעלשאַפטליכע ענינים אין ראַדאָם אין אַזאַ שפל-המצב, אַז אַ יונגערמאַן אָהן יעדען בילדונג'ס-צענזוס און אָהן וועלכע ס'איז קוואַליפיקאַציעס, זאָל זיך פלוצלינג מאַכען פאַר אַ „שרייבער" און ווערן אַנ'איש תוכחות. שיינט זיך, אַז אַ מורה-דרך, אַ טריבון, מוז רעדען צום עולם פון דער הויך – פון אַ געוויסע פּאָזיציע און נישט פון אונטען, פון די נידריגסטע שטופען, דען אַנדערש איז עס אַ חוזק און אַ פּלוידעריי. און אַ תשובה אויף די פראַגע זענען געקומען צוויי מישטיינסגעזאָגטע „אַרטיקלען" פון דער זעלבער צוּבראָכענער פעדער, פון דעם זעלבען משינה'דיגען סטיל און זשאַנר, אין וועלכע דער „איש-תוכחות" געהט ווייטער און פערהאַנדעלט זיך אין אַ העכסטען פּוסק. עס געפינען זיך דאָרט אויסדריקען: „מיט דעם גרעסטען ביטול געהען מיר אַריבער" „מיר וועלען זיך נישט לאָזען פערפירען" „אונזער אויפמערקזאַמקייט וועט נישט ווערן געריכטעט" „מיר מאָהנען און וועלען מאָהנען" „איך האָב מיך בעציגען מיט ביטול", „דער ה' לאַנגער וועלכען איך האָב מבטל געווען און כ'בין מבטל אַלס געזעלשאַפטליכער טוהער".

ווער איז דאָס דער פאַרשוין? מי שמך לאיש? פון וואַנען אַזוי פיעל חוצפה און אַזוי פיעל מאַרק-זידלעריי? דאָס איז, ווייזט אויס, אַ ראַדאָמער ספּעציפיש-גאַנגרענירט באַשעפעניש, וועלכער עקעלט און עיפּושט.

איך בעטראַכט עס פאַרן גרעסטען פחיתת-הכבוד מיט אַזאַ טיפּ בכלל צו פיהרען וועלכע ס'איז ווייטערע פּאָלעמיק. איך האָב איהם שוין אַמאָהל געוויזען די טהיר אין דער גמינע, בעזייטיגט פון אַנשטענדיגע צייטונגען, און אויך יעצט איז דאָס לעצטע מאָהל, וואָס כ'בין מיך מיט אים בכלל מטפל.

יעדאָך וויל איך נאָר דאָס מאָהל ביי דער געלעגענהייט ספּעציעל פאַר דער עפענטליכקייט בעהאַנדלען דאָס, וואָס איז דאָרט מיר געזאָגט געוואָרען לגנאי, כאָטש ווי פאַר אַ נאָמינאַט, איז דאָך איבריג צו ערקלערען, ווער ס'האָט מיר דעם אמת איבערגעגעבען און ווער ט'האַלט מיך איין. געוויס וואָלט איך פון אַזאַ קוועלע פון וועלכע אַט דער פאַרשוין נעמט זיין גייסט און פנים אויף איין סעקונדע אויך קיין מאַנדאַט נישט אָנגענומען.

אַלזאָ: 1) וועגען אַ נייע טעאָריע ווערען מיר געוואָהר אין דער כלל-טהוערייט. מען מוז זיין אַ גרויסער גביר. מיין מאַטעריעלער צושטאַנד איז אַ נישט גענוגענדער. „איך האָב נישט ספּעציעל אויסגעפיהרט". אַנדערע פּרעזעסען און ער זעלבסט האָבען בעסער אויסגעפיהרט. און אפשר האָט ער רעכט. אין אַ גמינע-פערוואַלטונג ברויך מען נישט וועהלען און נישט שיקען קיין סוחרים און קיין פאַבריקאַנטען, ווייל זיי האָבען פון זייער נאַטור די געוואָהנהייט צו טראָגען איניציאַטיוו, שאַפען, געבען מענשען בעשעפטיגונג און פערדינסטען און אויך אַמאָהל אונטערשטיצען אביסעל ברייטער פילאַנטראָפּיע. בעסער איז צו שיקען וואָכערער, פּראָצענטניקעס, איינער גרעסער פון אַנדערען. פאַר זיי זענען פּראָטעסטען ווי פאַר'ן טייוועל געהייליגט וואַסער. זיי זענען צו נעמען און נישט צו געבען, אַזאַ אומגליקליכער פאַל, אַז אַ פערוואַלטונגס-מיטגליד זאָל געבען אַנ' אינסטיטוציע, דעם „בית-יתומים" פאַר 500 זל. גמינעשע פּראָטעסטירטע וועקסלען שיך (וועגען וואָס דער פאַרשוין האָט געשריבען ברמיזה) וועט שוין ביי זיי אויך נישט טרעפען. זיי וועלען אי"ה נישט געבען קיין וועקסלען צו פּראָטעסטירען און ס'וועט אויך אפשר נישט זיין קיין שיך.

2) די באָבע-מעשה, אַז איך האָב מכלומר'שט אין טלית און תפילין געשוואוירען בנוגע דער אויסוואָהל פון אַ חזן, האָט דעם זעלבען ממש און טעם און איז אַזוי „גלויבענסווירדיג" ווי אַלע זיינע אויסגעזויגענע און נישט געשטויגענע מעשיות. ווען ס'וואָלט זיך אַפילו געהאַנדעלט אין אַ פּערזענליכען ענין פון אַ גרויסען בעטראַג, וואָלט איך נאָך געווען זעהר ווייט פון אַזאַ שבועה.

3) ענין-פאַרקאַן אַרום דעם בית-עולם.

עס איז קיין ספק נישט, אַז דער בית-עולם מוז ווערען פערגרעסערט און ס'איז אַ פאַקט, אַז אַ חוץ אייניגע יחידים מיט קליינע סומעס, זענען ס'רוב בעלי-בתים גלייכגילטיג און פּאַסיוו אין דעם ענין, וואָס ברויך אַ פּאָר טויזענד זלאָטעס. עטליכע גערופענע פערזאַמלונגען האָבען נישט געגעבען קיין שום פרעקווענץ. יעדענפאַלס. דאָס וואָס די יעצטיגע פערוואַלטונג האָט אין דער פראַגע שוין געטוהן, דערנעהנטערט די ערלעדיגונג מיט בעדייטענדע טריט צו דער רעאַליזירונג, ווייל דאָס וואָס איז שוין געמאַכט געוואָרן, איז געווען אונפערמיידלעך און האָט געמוזט קאָסטען שפּאָר געלד. און ווען אַפילו די איצטיגע פערוואַלטונג זאָל צוליב אָנגעטראָפענע שוועריגקייטען דעם פאַרקאַן נישט גענצליך ענדיגען, מוז דאָך פערשריבן ווערן צו איהר גינסטען אַ היבשע אויף דעם געביט לייסטונג.

4) וואָס שייך שפּיטאָל וועלען די לעזער געפונען אין זעלבען נומער אַן אויספיהרליכען און גענויען בעריכט. דער סך הכל פון די אדורכגעפיהרטע איבערבוי-אַרבייטען און רעמאָנטען דערלאָזט נישט די מיינונג, אַז ס'האָט געקאָסט צו-טייער. אינטערעסאַנט איז, אַז די צוויי שפּיטאָל-בודזשעטען, וועלכע האָבען בעטראָפען בס"ה עטליכע און דרייסיג טויזענד זל. אין וועלכע זענען געווען מיט דער פולער הסכמה און דאַנקבאַרקייט פון דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט אין ראַדאָם, האָבען נאָמינאַל בעטראָפען פונקט די העלפט, וואָס דער רעמאָנט האָט געקאָסט און איינקאַסירט זענען זיי געוואָרען אין אַ סכום פון 18000 זל. וואָס בעטרעפט בלויז 30% פון די אַלגעמיינע אויסגאַבען.

5) דער פאַרשוין פערענטפערט די רעטזעלהאַפטע אַסיגנאַציעס פון בית יתומים פאַר מצות אויף אַנ'איינענאַרטיגען אופן. ער דערצעהלט, אַז „ער האָט אַריינגעצויגען דעם חוב פון די מצות אויף דער קאָנטאָ „סום פשעכאָדניך" לויט די כללים פון בוכפיהרונג און ווען ס'איז געקומען דער צאָלונג'ס-טערמין, זענען אויסגעשטעלט געוואָרען פאַקטישע אַסיגנאַטען". ערשטענס וואָס איז דאָס פאַר אַ רעכנונג „סום פשעכאָדניך". פאַרוואָס נישט דירעקט אויף אַ קאָנטאָ פון דעם, וואָס האָט די מצות געגעבען? צווייטענס, הערען מיר. אַז די אַסיגנאַציעס זענען נישט נעווען צו דעקען אַ חוב פון „סום-פשעכאָדניך", נאָר טאַקע דירעקט פאַר מצות; דריטענס, פאַרוואָס זענען די אַסיגנאַציעס פון דעם געלד-נעמער נישט אינטערגעשריבען?

איך בעט אַלזאָ דייטליך צו ענטפערן, אין וועלכען טאָג און אויף וועמענס נאָמען זענען פאַרן 1 אַפּריל 1937 אַריינגעטראָגען געוואָרען די 360 זל. פאַר מצות און ווי אַזוי לויטען גענוי די קוועסטיאָנירטע דריי אַסיגנאַציעס.

ווי לאַנג דער פאַרשוין און זיין חוצפה זאָגט אַרויס זיין „מיינונג" וועגען אינדיווידועלע קוואַליפיקאַציעס וועגען כלל-טהוערי פאַר דער, אָדער יענער פּערזאָהן, קאָן מען נאָך דאָס דולדען אַלס חוזק און ליצנות, אָבער ווען ער נעמט זיך „פּסק'ענען", אַז ס'איז נישט קיין אונטערשיד, צי די 360 זל. פאַר מצות האָט צוגענומען דער בית-יתומים, צי די „עזרה", מוז איך זאָגען סטאָפּ! פון דאַנען אַוועק!

6) די פערטיידיגונג פון דער בית-יתומים-פערוואַלטונג: די אייניגע מאָהל איבענדערמאָנטע פערזאָן פעררופט זיך אויף אַ בריעף פון בית יתומים, אַז דער לעצטער האָט די 400 קילאָ מצות דערהאַלטען און האָט פאַר זיי בעצאָהלט. דאָס איז פאַר מיר אונפערשטענדליך. ווען אייך פערוואַלטונג איז בעוויסט און ערקלערט געוואָרען, אַז די גמינע האָט פאַר אייך בעשטימט פון איהר סובווענץ 400 קילאָ מצות פאַר 360 זל. מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר דאָס געלד בעצאָהלט און ערקלערט אין דער עפענטליכקייט, אַז די האַנדלונג פון דער לייטונג און פון דער בוכהאַלטעריע איז אין אָרדנונג? ווילט פון דער גמינע די מתנה נישט נעמען טאַ בעצאָהלט דער גמינע צוריק דאָס געלד, אָדער קוויטירט דער גמינע אַזאַ בעטראַג פון אייער חשבון. די גמינע מאַכט יאָ אַנ'אונטערשיד און וויל דער עזרה דאָס געלד נישט געבען – דאָס פאָדערט די יעצטיגע גמינע פערוואַלטונג, ווי לאַנג זי האָט דאָס רעכט. אין די אייגענע אינטערעסען פון די אינסטיטוציע, וועלכע איהר רעפּרעזענטירט, קומט אייך פאַר אַט דער האַנדלונג אויך נישט קיין יישר-כח.

7) ענין מרדכי לענגער.

דאָס איז נישט קיין קליינע העזה פון אַ טיפּ, וועלכער וויל טראָגען אַ לבוש פון אַ כלל-טהוער און נעמט פענסיע פאַר נישטיג שרייבען פון אָרים געלד, אַז ער זאָל בעפאַלען מיט גאַסען-זידלעריי, אַ מענש פון דער געזעלשאַפט, וועלכער האָט פאַר'ן בית-יתומים געאָפּפערט צייט, מיה און אונגעהויערע אַרבייט, וועלכע איז פאַר יעדען בעזוכער קענטיג און זיכטבאַר. איך וואָלט געוואָלט דעם טיפּ פרעגען וויפיעל געלד קאַסע ממש האָט ער אַרויסגעצויגען פון בית-יתומים און פון אַנדערע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען אין זיין טאַש אַריין, וואָס אַלע ווייסען און וואָס מאַנכע ווייסען נישט. עס וועט אוודאי מעהר בעטרעפען ווי אַ פּאָר זעמעל און אָנקאָכען אַ מיטאָג אין דער צייט פון לעטניסקעס, ווען דאָס זאָל אַפילו זיין אמת.

איך ערוואַרט אַ קאָנקרעטען ענטפער מכח די אַסיגנאַציעס, והן מכח די דריי עטאַט-קוויטלעך, וואָס איהר האָט גענומען.

מ. רען.

בחינם זיך געגייהט אַ רייכען בייטעל.

די יודישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין ראַדאָם האָבען זיך געריכט געהאָלפען צו ווערען מיט אַ רייכע ירושה. מ'האָט זיך שוין געגייהט אַ בייטעל און מ'האָט שוין בעצייטענס אויסגערעכענט וויפיעל פּראָצענט עס וועט נעמען די, אָדער יענע אינסטיטוציע. איינע 20 פּראָצענט, די צווייטע 15 פּראָצענט. מ'וועט האָבען הייזער, גיטער און שלעסער. מיט איין וואָרט אַ ישועה איז געקומען אויף ראַדאָם...

און די אַלע גליקליכע חלומות זענען געווען געווענדעט אויף די הייזער וואָס שטעהען אויף יאַנסקאַ און קאַשעראָווע 15 וועלכע געהערען צו די פערשטאָרבענע משה איטשע און בריינדעל האַראָוויטש.

בריינדעל האַראָוויטש איז געווען די ערשטע פרוי פון משה איטשע האַראָוויטש. ביים לעבען איז צווישען זיי געמאַכט געוואָרען צוויי טעסטאַמענטען, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז דער מאַיאָנטעק, וועלכער געהער צו ביידע זאָל קיינער נישט ירש'ענען, כל זמן איינער פון זיי ביידע וועט בלייבען לעבען. אין פאַל ווען איינער פון זיי עס שטאַרבט פריהער, געהט איבער זיין העלפט, צו דעם לעבען-געבליבענעם און ער פערוואַלטעט דערמיט, ווי לאַנג ער האָט אָפענע אויגען.

די דאָזיגע בעוואָרענישען אין די טעסטאַמענטען זענען געמאַכט געוואָרען, ווי מען הערט, כדי עס זאָלען נישט קומען קיין יורשים און מאָהנען זייער חלק פון דעם וואָס שטאַרבט פריהער. דער עיקר זאָל דאָס האָבען פערלאַנגט דער פערשטאָרבענער משה איטשע הורוויטש, וועלכער האָט נישט געוואָלט דערלאָזען די קרובים פון זיין ווייב זאָלען געניסען פון ירושה ווי לאַנג ער לעבט.

אין טעסטאַמענט פון בריינדעל הורוויטש איז געשטאַנען נאָך אַ פּונקט, אַז איהר העלפט פערמעגען שענקט זי אַוועק אויף וואָהלטעטיגע צוועקען און פאַר איהרע קרובים אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דער גמינע, נאָר דאָס זאָל ערשט געשעהן נאָכן טויט פון איהר מאַן. דערביי האָט זי אויסגערעכענט וויפיעל פּראָצענטער פאַר יעדער אינסטיטוציע, וויפיעל פאַר איהרע קרובים און וויפיעל געלד מ'זאָל מפזר זיין אין טאָג פון איהרע יאָהר-צייטען.

פרוי בריינדעל הורוויטש איז געשטאָרבען מיט יאָהרען צוריק און אויפן סמך פון איהר טעסטאַמענט האָבען איהרע קרובים נישט געקענט צוטרעטען מאָהנען ירושה פון זייער שוועסטער זיי האָבען אָבער געגלויבט. אַז אַמאָהל אַמאָהל יבוא יומם. אַ מענש לעבט דאָך נישט אייביג און לאחר מאה ועשרים שנה, נאָך זייער שוואָגער ר' משה איטשע, וועט זיי דאָך צופאַלען אַ פעטער ביסען, נישט פון זיין זייט, נאָר פון זייער שוועסטער'ס חלק, כמו שכתוב בצוואה.

דערווייל האָט ר' משה איטשע חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע פרוי, געלעבט מיט איר עטליכע יאָהר און דאָ ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען. פערשטעהט זיך, אַז אַ העלפט פערמעגען, זיין טייל געהט איבער צו דער צווייטע פרוי און צו זיין קינד, וואָס ער האָט געהאַט מיט איהר, אָבער אויפ'ן צווייטען טייל, די העלפט, וואָס האָט געהערט צו דער ערשטער פרוי, האָבען רעפלעקטירט פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אויך איהרע נאָהנטע קרובים, זיי האָבען שוין גענומען חשבונ'ען און ס'האָבען זיך געשיט טויזענטער ווי אַרבעס. מ'האָט אָבער אַזוי לאַנג גע'חשבונ'ט, ביז מ'איז געוואָהר געוואָרען, אַז די צוויי ראַדאָמער הייזער, אויף וועלכע ס'איז געווען געבויט דער גאַנצער ירושה-פּלאַן, זענען פערשולדיקט איבער'ן קאָפּ, און, אַז נאָך ביים לעבען האָט ר' משה איטשע געבאָרגט אויף זייערע היפּאָטעקען העכער 90 טויזענד זלאָטעס.

פון אַלע גאָלדענע גליקען האָט זיך אַלזאָ אויסגעלאָזט אַ טייך. די גמינע איז קאַלט צום גאַנצען ענין און די אינסטיטוציעס גופא זענען מסופק, צי עס לוינט זיך בכלל צו געהן פּראָצעסירען, ווייל ס'קען נאָך מקוים ווערען דאָס בעקאַנטע שפּריכווערטעל: „געגאַנגען מאָהנען ירושה-געלד און געמוזט בעצאָהלען קבורה-געלד".

די פערפיהרטע בעגיסט איהר „געליבטען" מיט זאַלץ-זויער.

אין קליינעם שטעדטעל סאָקאָלקי נישט ווייט פון גראָדנאָ האָט געוואוינט מיט איהרע עלטערען די 18 יעהריגע שניידערין: יאַדוויגאַ סטאַצקאַ.

זי האָט זיך בעקענט מיט אַ געוויסען כאַטאַליוש פּאַפּקאָוו, וועלכער האָט זיך אין איהר פערליבט און זי פערפיהרט צוזאָגענדיג מיט איהר חתונה צו האָבען. פּאַפּקאָוו איז אַוועק קיין ראַדאָם וואו ער האָט בעקומען אַ גוטען פּאָסטען אין דער געוועהר-פאַבריק. באַלד האָט ער געשריבען נאָך זיין געליבטע יאַדזשיע און איהר אַפילו געשיקט אויף רייזע-קאָסטען.

די יונגע סטאַצקאַ, וועלכע האָט געגלויבט פּאַפּקאָוו'ען, האָט איבערגעריסען מיט איהרע עלטערען און איז אַוועק צו איהר געליבטען קיין ראַדאָם, וואו זי האָט גליקליך געלעבט מיט איהם 2 מאָנאַטען. דאַן האָט ער זי פערטריבען און געהייסען זי געהן אויף די גאַס פערדיענען, אָדער זיך אַפילו וואַרפען אונטער די באַהן.

די לאַגע איהרע איז געוואָרען טראַגיש און זי האָט בעשלאָסען צו נעמען נקמה אין איהר פערפיהרער. דעם 15-טען אַפּריל ד. י. איז זי בעפאַלען איהר געוועזענעם געליבטען און מיט זאַלץ-זויער אָפּגעברענט דאָס פּנים, בעשעדיגענדיג איהם אַנ'אויער, צוליב וואָס ער איז געבליבען אַ קאַליקע.

עהערנעכטען מיטוואָך איז איהר פּראָצעס פאָרגעקומען אין ראַדאָמער קרייז-געריכט. זי האָט זיך מודה געווען און דערביי געשילדערט די סיבות, וועלכע האָבען איהר געשטויסען צו אַזאַ טהאַט.

אַלס איינציגער עדות איז אַרויסגעטרעטען איהר געוועזענער געליבטער פּאַפּקאָוו, וועלכער האָט זי שטאַרק בעשולדיקט.

אַ ריהרענדע רעדע האָט געהאַלטען אַדוו. זיגמונד וואַשילעווסקי, וועלכער האָט אָנגעוויזען אויף דער נישט מאָראַלישער האַנדלונג פון פּאַפּקאָוו, וועלכער איז מעהר שולדיק, און געבעטען אַ מילדע שטראָף.

דאָס געריכט האָט פערורטיילט יאַדווינאַ סטאַצקאַ אויף 2 יאָהר תפיסה.

באַלד איז זי אָפּגעפיהרט געוואָרען אין תפיסה אַריין.

אַ גרויסען רושם האָט געמאַכט דער פאַקט, אַז נאָך דעם אורטייל איז סטאַצקאַ צוגעגאַנגען צו פּאַפּקאָווען און מיט איהם געפיהרט אַ געשפּרעך.

גר.

„געדענקט, איהר וועט אַריינפאַלען אין מיין טאַטענס הענד אַריין!"

אַהיימפאָהרענדיג היינטיגען זונטאָג פון אַנטיניובקע, האָט אַ היגע יודישע פרוי פערלאַנגט, אַז דער דראָשקאַזש זאָל זי אָבשטעלען אויף זשעראָמסקי 2. דעם דראָשקאַזש האָט נישט געפעלען, וואָס די פרוי איז די איינציגע פון זיינע פּאַסאַזשירען, וואָס בעט זיך אויס אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע און ער האָט אָבגעזאָגט איהר בקשה. דאָ האָט זיך די פרוי בעליידיגט און זיך געווענדעט צום דראָשקאַזש בזה הלשון:

– „געדענקט פּאַניע, איהר וועט נאָך אַריינפאַלען אין מיין טאַטענס הענד. איהר וועט נאָך מוזען אָנקומען צו מיין טאַטען"

דער דראָשקאַזש האָט זיך געכאַפּט, וואָס די פרוי מיינט, און ער האָט דער פרוי ערקלערט, אַז ער האָט דריי קינדערלעך און מעהר וועט ער נישט האָבען. ער האָט דעריבער נישט קיין מורא פאַר איהר טאַטענס הענד.

די פּאַסאַזשירען וואָס האָבען אונטערגעהערט דאָס דאָזיגע געשפּרעך, האָבען זיך שפּעטער דערוויסט, אַז די פרוי איז אַ טאָכטער פון אַ היגען מוהל און, אַז מיט'ן „טאַטענס הענד" האָט זי געמיינט דאָס מוהל-מעסערל, פאַר וועלכען דער יודישער דראָשקאַזש זאָל מורא האָבען.

ר' שלמה האלפערין.

מאיר הערץ

סקיצע

ר' שלמה האַלפּערין, דער לעדער־פאַבריקאַנט, א יוד, א האַלבער חסיד און א האַלבער אַריסטאָקראַט, וואָס פלעגט פאָהרען צום רבי'ן, כדי אויפצוהאַלטען די טראַדיציע פון זיינע אבות, האָט זיך קיינמאָל נישט געבויגען פאַר דער מאַכט פון די יאָהרען. מ'האָט קיינמאָל אָן איהם נישט דערקענט, אַז ער ווערט עלטער. דאָס פּנים — גלאַטיג, פּוכיג, ראָזאָווע ווי ביי א יונגען זאַרגלאָזען קעסט־איידעם, זיין געשניצטע פיגור, נישט צו־דיק און נישט צו־מאָגער — גלייך ווי א ווירע; זיינע געלאָקטע האָר פון אונטער דעם פירקאַנטיגען זיידענעם קאַפּעלע האָבען געשפּיגעלט פון שוואַרצקייט, ווי ער וואָלט זיי געשמירט מיט עפּעס א גלאַנץ־פליסיגקייט. זיינע שענע, ברייטליכע, עטוואָס פערונדיגטע און אַ ביסל פערשווירענע באָרד, האָט איהם די רויטליך־קאַלירדיגע באַקען ניט צופיל פערנומען, נאָר בלויז זיי פערשניטען אין לענגליך שמאָלע סטזשעשקעלעך, ווי פרישע שיטערע לאָנקעס אָנהויב זומער...

אין שטיבעל האָט מען וועגען ר' שלמה האַלפּערין'ס שענער באָרד נישט איינמאָל א וויכוח געפיהרט. פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז געטהון געוואָרען נישט אין זיין אַנוועזענהייט. אויף דעם האָט קיינער נישט געהאַגט. ווייל קודם־כל האָבען אַלע מודה־געווען מ'ט גרויס יראת־הכבוד, אַז ר' שלמה האַלפּערין'ס הויז האָט אָפענע טהירען און ווער עס קומט דאָרט אַריין, דער געהט שוין נישט אַרויס לעדיג. אמת טאַקע, די קינדער, איבערהויפּט די טעכטער, זענען שוין א היבש ביסל פער'גוי'אישט, אָבער דאָס מאַכט נישט. דער עיקר: ר' שלמה אַליין האָט א ברייטע האַנד און ער האָט די דעה אין שטוב. און אפילו זיין פרוי באַלבינע, וואָס האָט שוין יאָהרען־לאַנג קיין וואָרט יודיש נישט אַרויסגערעדט, אפילו זי קאָן אים זיך ניט אַקעגענשטעלען און מוז איינשטימען מיט איהר מאַן, אַז מ'טאָר פאַר קיינעם די טהיר נישט פערמאַכען. באַלבינא אַליין האָט אויך א גוט האַרץ.

באַלבינא, די גרויסשטאָדטישע דאַמע, האָט אָבער נישט געקאָנט פערטראָגען, וואָס ביי איהר אין די סאַלאָנען איז תמיד א יאַריד פון מענשען, וואָס געהען אַריין און אַרויס און האָבען כסדר סודות אויפ'ן אויער מיט איהר מאַן, וועלכען זיי טיטולירען — הגם מיט גרויס כבוד — נישט: פאַן האַלפּערין, נאָר ר' שלמה. זי האָט נישט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט איהר מאַן, אַז עס פּאַסט נישט, ער זאָל זיך אַזוי ערנידעריגען און זיך אַראָבלאָזען צו יעדען. באַלד נאָך דער חתונה האָט זי איהם גענומען אין דער אַרבייט אַריין און מיט אַלע כחות געוואָלט איהם אויסשטעלען אויף איהר פּאַסאַן. ס'האָט נאַרנישט געהאָלפען. מעהר ווי דאָס, אַז ר' שלמה זאָל ווערען עטוואָס אייראָפּעאישער, האָט זיך איהר נישט איינגעגעבען. ר' שלמה האָט זיך אָנגעטהון קורץ, געטראָגען א קאַפּעליוש, אָבער שבת און יום־טוב האָט ער געמאַכט אַנ'אויסנאַהם און אַיז געקומען אין שטיבעל אַריין אין א זיידענער קאַפּאָטע מיט א סאַמעטען היטעל.

באַלבינא, כאָטש זי האָט שטאַרק געשטרעבט איבערצופלאַנצן דעם וועלטליכען לעבענס־שטייגער פון איהרע עלטערן אין איהר מאַנס הויז אַריין, — האָט זיך פונדעסטוועגען סוף כל סוף אונטערגעגעבען. ס'איז איהר אַפילו געפעלען געוואָרען, ווען איהר מאַן האָט איהר ליבליך, אין א צערטליכען טאָן, איינמאָל ערקלערט, אַז אַלץ וועט ער פאַר איהר טהון, נאָר איבער דער קעשענע און איבער זיין הויז וועט ער זיין דער הערשער.

— באַלבינא, — האָט ער איינמאָל צו איהר געזאָגט, — אַלץ וועל איך דיר נאָכגעבען. קאָנסט לייענען דיינע ראָמאַנען, קאָנסט געהן אין טעאַטער, מעגסט אַפילו שפּאַצירען געהן מיט קאַוואַלערען. מיך אַהרט דאָס נישט. כ'טרוי דיר! איך אַליין וועל אויך ווערן מעהר אייראָפּעאיש, כדי צו בעפרידיגען דיין פערלאַנג. אָבער דאָס אַלץ קאָן איך מאַכען אויפ'ן חשבון פון מיין אייגענעם גוף און פון מיין אייגענעם „איך". קיינמאָל וועל איך אָבער נישט איינשטימען צו ברענגען פאַר דיר א קרבן די אַלע נויטבעדערפטיגע און ליידענדיגע. קיינמאָל וועל איך נישט פערשליסען פאַר זיי מיין הויז. ביי דיר, באַלבינא, זענען הייליג די טראַדיציעס פון דיינע עלטערן, אָבער ביי מיר זענען נישט ווייניגער הייליג די טראַדיציעס פון מיינע עלטערן.

אויף באַלבינא'ן האָבען די דאָזיגע ווערטער געווירקט. זי אַיז דאָך געווען איידעל און פיין ערצויגען. און כאָטש געשטאַמט האָט זי פון אַנ'אַנדערער סביבה, האָט זי דאָך אַרויסגעוויזען פערשטענדניש פאַר איהר מאַן.

באַלבינא איז גליקליך געווען מיט דער פשרה. דאָס איינע, וואָס האָט איר טיף אין האַרץ געמאַכט אַ וואונד, איז געווען, וואָס דער מאַן האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער ערלויבט איהר אפילו צו געהן שפּאַצירען מיט בעקאַנטע יונגעלייט, אויב ס'וועט איהר ווערען לאַנגווייליג. דאָס האָט איהר א שטאָך געטהון. באַלבינא איז נאָך דאַן געווען יונג און איבערגליקליך פון דער פרישער ליבע צו איהר מאַן און זי האָט דעריבער נישט פערשטאַנען דעם בעדייט פון אַזעלכע ווערטער. סיידען איהר מאַן מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז אויב ער געפעלט איר נישט קאָן זי זיך אויפזוכען אַנ'אַנדערען. אָבער ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? ווי קאָן אַזעלכעס ביי איהר פּאַסירען, ווען זי פערשטעהט בכלל נישט, ווי אַזוי מ'קאָן האָבען אינטערעס צו אַנ'אַנדערען, חוץ צו איהם, איהר מאַן? — וואָסזשע מיינט ער דערמיט?

ר' שלמה'ן האָט עס דאַן, נאָך דער חתונה, גענוג מיה געקאָסט, ביז עס איז געלונגען צו איבערצייגען זיין יונגע פרוי, אַז ער איז דערמיט גאָרנישט אויסען געווען. ער ערלויבט איהר אַלץ פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט צו איר צוטרוי און גלויבט אין איהר ערליכקייט.

און זייער צוזאַמענלעבען האָט זיך צונויפגעלעגט רוהיג און גליקליך. עס זענען געבוירען געוואָרען קינדער. די קינדער האָט ערצויגען באַלבינא. ר' שלמה איז געווען פערטהון אין זיינע געשעפטען און האָט ווייניג אַכט געלעגט אויף דעם אופן, ווי אַזוי זיינע קינדער ווערען אויפגעהאָדעוועט. קאָן זיין, אַז ער האָט יאָ געזעהן. אָבער ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער בעמערקט נישט; ער איז אפשר ביי זיך געווען צופרידען פון דער וועלטליכער ערציהונג, וואָס זיין פרוי גיט די קינדער. סיי־ווי, גערעדט האָט מען נישט דערפון. מאַן און פרוי האָבען זיך ליב געהאַט. איינער האָט זיך נישט געמישט צום אַנדערען און קיינמאָהל האָט מען זיך קיין פאָרוואורף נישט געמאַכט.

אין די חסידישע קרייזען האָט מען געוואוסט דערפון. מ'האָט גרויס הנאה געהאַט, וואָס ר' שלמה לאָזט זיך נישט און ער פיהרט אויס ס'זייניגע. מ'האָט אַפילו נישט פעראיבעל געהאַט, וואָס ער פּוצט זיך אַלץ מעהר און ווערט פון טאָג צו טאָג א גרעסערער „פּאַצעט". בלויז די באָרד האָבען זיי איהם די חסידים צוגעהיטען. ווען ר' שלמה איז נאָך יונג געווען, איז זיי נישט אַזוי אויפפאַלענד געווען, וואָס זיין בערדעל האַלט ביי איין־און־דעמזעלבען שטאַנד... מילא, אַ יונגערמאַנטשיק... נו, וואַקסט נישט די באָרד אַזוי שנעל אונטער. אַז ער איז אָבער עלטער געוואָרען און געקומען אין די מיטעלע יאָהרען, האָט מען אין שטיבעל שוין אונטערגעמורמעלט.

ר' שלמה האַלפּערין האָט, וואָס אַנאמת, שוין דעמאָלט געהאַט א גרעסערע, א ברייטערע באָרד און טאַקי אַ שעהנע, א קיילעכדיגע, אָבער אין שטיבעל זענען געווען אַזעלכע שאַרפע חסידים, וואָס האָבען אויסגעפונען, אַז זיין באָרד איז שעהן דערפאַר, ווייל זי „פערזוכט" גאָר אָפט א שערעל... זיי האָבען דערויף נישט געקאָנט בעשטעהן און זיי האָבען אין דער שטיל גע'טענה'ט, אַז ר' שלמה איז עובר בפירוש אויף אַ לאַוו.

מ'האָט זיך געשפּאַרט וועגען דעם און אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ניין, אַז ר' שלמה שערט זיך נישט, חס־וחלילה, אלא וואָס דען? גאָר פשוט. א גביר האָט צו אַלעם מזל און אפילו די באָרד וואַקסט ביי איהם א שעהנע, אַ קיילעכדיגע אָהן צויטען, נישט אַזוי ווי ביי די אָרימעלייט, וואָס זענען פערוואַקסען ווי די בערען, אַז מ'זעהט ביי זיי נישט אַרויס קיין פּיצעל פנים...

דער וויכוח איבער ר' שלמה'ס באָרד האָט אָבער מיטאַמאָהל אויפגעהערט. מ'האָט דערצעהלט, אַז ר' שלמה האָט זיך דערוואוסט, דאָס מ'קוקט צופיעל אויף דער באָרד, ווען ער קומט שבת אין שטיבעל אַריין, און, אַז דעריבער האָט ער בדעה שוין אינגאַנצען אין שטיבעל אַריין נישט צו קומען. דאָס האָט אַלעמען אָנגעשראָקען. ר' שלמה'ן האָט דאָס שטיבעל געקאָסט א סך געלד. חוץ דעם איז ער געווען אַנ'אָנשפּאַר פאַר'ן רבינ'ס הויף, וואָס האָט איהם אָבגעקאָסט א הון רב. מ'האָט טאַקע געוואוסט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ר' שלמה ווערט „פערדייטשט", איז צו פערדאַנקען זיינע אונטערוואַקסענדיגע טעכטער, וואָס געהען נאָך איבער די מאַמע און קענען שוין גאָר „אויף קיין יוד נישט קוקען"... אָבער מ'האָט שוין פון דעם נישט געמאַכט קיין עסק. אַפילו די גאָר „שאַרפע" האָבען געמאַכט א שוויג, ווייל זיי האָבען זיך געלערענט א קל־וחומר: מה־דאָך „ער" זאָל לעבען, דער רבי אַליין, זאָגט איחם גאָרנישט, ר' שלמה'ן, סאָ וואָס האָבען זיי, די חסידים, צו זאָגען? מז הסתם זעהט דאָך דער רבי, אַז די צדקה מיט די מעשים טובים, וואָס ר' שלמה טהוט, וועגען איבער די פּאָר האָר וואָס פעהלען. היינס, למאַי זאָלען זיי זיך אַרויסשטעלען אַנטקעגען?

האָט מען שוין גאָרנישט נאָכגעקוקט. ס'איז געוואָרען אויס וויכוח און מען האָט זיך ווייטער געצאַצקעט מיט ר' שלממ האַלפּערין, מיט זיין שעהנער באָד און מיט זיין הדרת־פּנים...

זומערלעב.

י. ב. שטריימאַן.

עס לויפען אויף גומענע קאָרקעס
אין פעלד שוין אַרום די שיקאָרקעס;
און ס'יאָגט נאָך קוטשער דער ווילדער
די קאַסשקעס מיט רעש און געפּילדער

פשעפיורקע דרייט מיטן קעפּל
אַזוי ווי א ווינט מיט אַן עפּל;
און ס'זשומען אין לופטן די פליגען:
מיר קומען די וועלט איצט באַזיגען!

נאַכטיגאַל צווישען די צווייגן
זינגט — צעגאַסענע פייגן;
די בין אויף די האָריגע פיסלעך
דעם זומער אהער ברענגט צו ביסלעך.

ס'פליען די גאָלדענע מיקן
אַון נעמען די לופט אזש צעפליקען;
שמעטערלינג טאַנצט מיט די שטראַלן
און ווערט מיט זיי ערגיץ פאַרפאַלען.

ווען ווערוויורקעס צווישן זיך שמועסען
נעמט סאָסנע מיט פעטיקייט גיסן;
נעמט פעלד צו וואַלד זיך צושאַרן
ווען האָז מיט דער זון גייען גאָרן.

און דינע ווי שטעקעלעך גליוקן
טוט נעמען דער ווינט אַריינפּויקען
און שאַפען אַזאַ זיסע סימפאָניע
ווען נעגעלע קישט די לעווקאָניע.

3 יאָהר אין דייטשע קאָנצענטראַציע = לאַגערן

דערצעהלט פון א פוילישען בעפרייטען ארבעטער.

ער איז געזעסען אַנטגעגענאיבער מיר העכער צוויי שעה און האָט דערצעהלט זיינע איבערלעבונגען פון דריי יאָהר צייט אין דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן. נישט אַלץ האָב איך פערצייכענט. מינוטען לאַנג האָב איך געקוקט אויף זיין פנים מיט די איינגעפאַלענע באַקען און נערוועזע צוקען און גאָרנישט געקענט פערשרייבען. דאָס, וואָס ער האָט דערצעהלט האָט אַזוי אויפגעשוידערט, אַז די האַנד האָט זיך נישט גערוהרט, כדי עפּעס צו פערצייכענען.

ער איז א פּאָלאַק. פון דייטשלאַנד האָט מען איהם אין 1934 אַרויסגעשיקט קיין האָלאַנד. אין האָלאַנד האָט ער נישט בעקומען קיין אַרבייט און אין א יאָהר אַרום איז ער צוריק אומלעגאַל געקומען קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט פריהער פערמאָגט נאָהנטע פריינד.

ער איז באַלד אַרעסטירט געוואָרען און צוזאַמען מיט אַן אַנדער גרופּע געוואָרען אָפּגעשיקט אין קאָנצענטראַציע לאַגער „עסטערוויגע" לעבען פּאַפּענבורג.

— ווי נאָר מיר זענען געקומען אין לאַגער אַריין — דערצעהלט ער — האָט מען אונז בעפוילען אַרויפצולעגען די האַנד אויפ'ן קאַרק. מיר האָבען געפאָלגט. דאַן איז געקומען א בעפעהל:

— פאַלען!

— אויפשטעהן!

און די פאַלען און אויפשטעל־איבונגען האָבען מיר געמאַכט א שעה צייט. ווען דאָס האָט זיך פערענדיגט האָט מען אונז בעפוילען צו וועלגערען די ערד.

— איהר ווייסט וואָס דאָס הייסט וועלגערען די ערד? — ווענדעט ער זיך צו מיר — און באַלד בעווייזט ער מיר:

— אָט אַזוי האָבען מיר עס געדאַרפט טהון: אוועקלעגען זיך אויף דער ערד און זיך קייקלען, — הין — און צוריק. אין רייהען זענען געווען אויסגעשטעלט די ס. ס. ל"ס, וועלכע האָבען יעדען איינעם צעקאַפּעט מיט די פיס: גיכער, שטאַרקער זיך איינגראָבען אין דער ערד, צוטוליען זיך צו איהר, הינטישער זוהן!

נאָכדעם האָט מען אונז געיאָגט אין באָד אַריין, וואו מיר האָבען געקריגען די שקלאַפען־קליידער און באַלד נאָכ'ן באָד האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דאָס וועלגערען די ערד, וואָס האָט געדויערט גאַנצע צוויי שעה צייט. יונגע שטשעניאַקעס, אַכצען־יעהריגע, נאָך נישט פון דער ערד אַרויסגעוואַקסענע שטורמיסטלעך — זענען געשטאַנען מיט געווער אין האַנד און געקאַפּעט אונזערע לייבער, געפּייניגט אונזער לעבען פיעל האָבען נישט אויסגעהאַלטען. פערחלש'טע זענען זיי געבליבען ליגען אויף דער ערד. מיט עמערס וואַסער האָט מען זיי אָפּגעגאָסען און אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

דאָס איז געווען די בעגעגעניש, דאָס אויפנעמען אונזער פּאַרטיע.

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען אַרבייט. דאָרט אין דער געגענד זענען פערהאַן גרויסע טאָרף־פעלדער. דעם טאָרף האָט מען געדאַרפט אויפלאָדען אויף די קליינע וואַגאָנעטקעס און עס אַוועקפיהרען. די אַרבייט מוז מען טהון גיך, מיט בעוועגונגען, וואָס זאָלען זיך צונויפפאַלען מיט'ן צעהלען פון וואַכמאַן. ער צעהלט גיך, עס איז אוממעגליך איהם נאָכצולויפען מיט די בעוועגונגען צו זיין צעהלען. עס שטעהען גרייט די ס. ס. לייט מיט ביקסען און מען שלאָגט, מען קלאַפּט איבער דער פּלייצע, איבער'ן קאָפּ, וואו נאָר די ביקסען פאַלען.

נאָכדעם דאַרף מען די וואַגאָנעטקעס שטופען. מען מוז זיך אויסציהען אויף דער ערד, צוהאַלטען זיך מיט די הענד אין דער ערד און מיט'ן קאָפּ שטופען די וואַגאָנעטקעס טאָרף. דאָס אַלץ מוז מען טהון גיך, זיך נישט אָפּשטעלען אויף קיין רגע. גלייך ווי מען ברענגט די וואַגאָנעטקע און מען לעדיגט איהר אויס מוז מען צוריקלויפען צום טאָרף פעלד. בשעת דער אַרבייט און נאָך דער אַרבייט קומען פאָר די איבונגען פון וואַלגערען זיך אויף דעם טאָרף און אַריינשטעקען דעם קאָפּ אין דעם מיסט, וואָס שטינקט ווי מענטשליכער אָפּפאַל.

דאָס איז געווען אין „עסטערוויגע" יעדען טאָג. יעדער נאָרמאַלער טאָג רויכערען ביי דער אַרבייט איז פערבאָטען און ווען מען פּאַקט איינעם א רויכערדיגען ביי דער אַרבייט בעקומט ער 25 שמיץ.

— איך ווייס נישט מיט וואָס זיי שמייסען — דערקלערט ער — דאָס מוז זיין הייסע, בלייענע ריטער. מעגלעך, אַז עפּעס אַנדערש. די הויזען פּלאַצען באַלד ביים צווייטען, דריטען קלאַפּ. דאָס בלוט שפּריצט פאַר אַלעמען אין די אויגען. עס איז שוין א יאָהר, ווי איך האָב געקראָגען מיט די ריטער. נאָר נאָך איצטער, איז מיר אוממעגלעך צו זיצען. די וואונדען האָבען זיך נאָך נישט פערהיילט.

אַזוי דרייען זיך אַרום הונדערטער צעקיאַליעטשעטע געפאַנגענע, וועמען מען גיט גאָרנישט מיט וואָס אויסצוהיילען די וואונדען.

ווען עס קומט די נאַכט איז גאָרנישט בעסער. אין מיטען דער נאַכט קומען זיי אין די קאַמערען און פּייניגען און לאָזען נישט צורו. נאַכט, 12 אַזייגער, הערט מען דעם באַפעהל:

— אַראָפּשפּרינגען פון די בעטען!

דאַן קומט א צווייטער באַפעל:

— אַרויפקריכען אויף די בעלקעס פון סופיט!

— אַראָפּשפּרינגען! אַרונטער אונטער די בעטען! ווידער אויף די בעלקעס! וויי איז צו דעם, וואָס פאָלגט נישט דעם באַפעל. פאַר אונזערע אויגען ווערט ער פערפּייניגט צום טויט.

דאָס איז נאָך אָבער פאַר די בעסטיעס, די ברוינע סאַדיסטען, ווייניק. זיי האָבען אויסגעקלערט נאָך עפּעס, וואָס דערפיהרט ביז משוגעת, ביז פּחד, ביזן טויט: יעדע עטלעכע נעכט שטעלען זיי אַן אויף די באַראַקען, וואו מיר שלאָפען, זייערע פּולעמיאָטען אין קוילענוואַרפער און זיי באַשיסען די הייזער. מיר ליגן אין די בעטען און שוידערען. דורך די ווענט פליען אַריין קוילען פאַרביי און אין נישט איינעם געפינען מיר אין דער פריה א דערשאָסענעם.

אין דעם לאַגער „עסטערוויג" האָבען זיך געפונען גענוג מענטשען 1500 דייטשען סאָציאַליסטען, ראַדיקאַלען, קאָמוניסטען, קאַטוילישע גלחים, 300 יודען און 50 פּאָליאַקען. ער איז געווען ווי אַלע לאַגערען אַרומגעצוימט מיט דראָט. ביי דעם פּאַרקאַן שטייען טאָוולען מיט אויפשריפטען, אַז ווער עס וועט זיך אָהין דערנענטערען וועט אָן שום וואָרונג דערשאָסען ווערן גלייך אויפ'ן אָרט.

צענדליגער זענען אוועק צום פּאַרקאַן, אליין אוועק אַהין און זענען דערשאָסען געוואָרען אויפ'ן אָרט. זיי האָבען נישט געוואָלט אַנטלויפען. זיי האָבען נאָר געוואָלט דערשאָסען ווערען, ווייל ס'איז זיי אוממעגלעך געווען אין דעם גהינום צו לעבען.

צוויי יאָהר בין איך געווען אין דעם לאַגער און שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע לאַגער „זאַקסענהאוזע" ביי אָראַנינבורג.

דאָ זענען אָבער די פּייניגונגען געווען נאָך גרעסערע, אַזעלכע וואָס קיין שום טייוול וואָלט נישט געקענט אויסטראַכטען.

א. ק.

יודישער קלעזמער זיך אויפגעהאָנגען.

זונטאָג 11 אָוענד האָט זיך אויפגעהאָנגען אין זיין וואוינונג (נייע וועלט) דער יודישער קלעזמער יאַנקעל אייזנשטיין.

אין שטוב איז קיינער נישט געווען און ווען זיין פרוי מיט'ן מיידעל זענען אהיים געקומען האָבען זיי איהם געטראָפען הענגען אונטער דער טהיר אָהן שום סימנים פון לעבען.

אייזענשטיין האָט אדורכגעמאַכט א שווער מאַטעריעל לעבען און ער איז אריינגעפאַלען אין אַ מרה-שטורה.

ס'קורסירען קלאַנגען, אַז צוליב א געלד-סכסוך האָט איהם דער היגער בעקאַנטער מוזיקער כוואַט, געזאָלט שלאָגען אין קאָפּ אריין פאַר פסח, וואָס האָט איהם געזאָלט מאַכען גייסטיג אומנאָרמאַל.

העלדישער יודישער שווימער

ארויסגעראַטעוועט צוויי טרינקענדע.

אין גאַרבאַטקע האָט זיך געבאָדען אויף די מאַלענדעס דער ד"ר פאַסטמאַן. שווימענדיג אַ לענגערע צייט, האָט ער אָנגעהויבען טרינקען. אין וואַסער איז דאַן אריינגעשפּרונגען דער ראַדאָמער יונגערמאַן מענדל רובינשטיין און זיך געוואָרפען ראַטעווען דעם טרינקענדען. ווען ער האָט זיך דערנעהנטערט צום ד"ר פאַסטמאַן און אים ארומגענומען, האָט ער אויך אָנגעהויבען טרינקען און ביידע זענען ארונטער אונטער'ן וואַסער.

ס'איז געווען א גליקליכער צופאַל, וואָס אין יענעם אויגענבליק איז געקומען צו שווימען אין א קאַיאַק דער ראַדאָמער יודישער יונגערמאַן לאַלעק שליאַפּערמאַן, וועלכער איז מאָמענטאַל אריין אין וואַסער און העלדיש ארויסגעראַטעוועט ביידע טרינקענדע.

גאַנץ גאַרבאַטקע האָט דעם בערימטען שווימער געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס פאַר זיין מסירת נפש און העלדענמוטה.

א ענטפער פון ברוטאַלע אָנפאַלען דעמאַסקירט דעם אייגענעם פרצוף.

א שטימע פון א לעזער.

ג. ה' רעדאַקטאָר!

אין צוזאַמענהאַנג מיט די העסליכע און ברוטאַלע אָנפאַלען אויפ'ן געזעלשאַפטליכען טהוער ה' לענגער וויל איך נעמען אַ וואָרט אויף די שפּאַלטען פון אייער וו. צייטונג, כדי, אָנצוּווייזען פון וואַנען זיי האָבען זיך דערנומען און פאַרוואָס דער אָנפאַלער איז אריין אין אַזאַ היסטעריע, אַז ער „שיסט" אַזש... מיט זעמעל און פּלעווס.

מיט עטליכע יאָהר צוריק פלעג איך זיין אַנ'אָפטער בעזוכער אין בית-יתומים און מושב - זקנים. איך בין דאַן געקומען צו ר' דוד האַמערשטיין ע"ה, וועלכער איז אַמאָהל געווען א בעוואוסטער ראַדאָמער סוחר און לאַנגיעהריגער גבאי אין דער שטאָדטישער שוהל, אָבער אויף דער עלטער געמוזט אַנקומען אין מושב-זקנים.

איך האָב זיך אינטערעסירט מיט זיין גורל און יעדען טאָג געקומען צו איהם און געטוהן פאַר זיינעטוועגען, וואָס כ'האָב נאָר געהאַט די מעגליכקייט צו טוהן. קומענדיג אין טאָג-טעגליכען קאָנטאַקט מיט די צוויי אינסטיטוציעס, האָב איך ארויסגעטראָגען דעם איינדריק, אַז אויף וויפיעל מ'האָט בעהאַנדעלט די יתומים מענשליך אין דער הינזיכט פון ריינקייט א. דגל. האָט מען די זקנים בעהאַנדעלט שטיפמוטעריש. זיי האָבען געוואוינט אין אַנ'אַלט-הילצערנע געביידע. די זקנים האָבען נישט געהאַט קיין בעזונדערע בעדינונג, די נאַכט-כלים זענען געשטאַנען א גאַנצען מעת-לעת, דער בית הכסא איז געשטאַנען ווייט און נישט יעדער זקן האָט געהאַט כח צו געהן אַהין.

אין א געשפּרעך מיט דער לייטערין פרוי מינא, האָט זי ערקלערט, אַז אין דעם איז שולדיג די ראַדאָמער יודישע געזעלשאַפט פון וועלכע עס פליסען-איין ווייניג איינקונפטען. א דאַנק דעם וואַרשאַוער מאַגיסטראַט, וועלכער צאָהלט פאַר 45 קינדער פון וואַרשא, קענען זיך ערנעהרען די עטליכע יתומים פון ראַדאָם; דאַגעגען פאַר די זקנים זענען נישטאַ קיין פאָנדען. די קאַרגע מיטלען וואָס פליסען איין פון צייט צו צייט קלעקען נישט פאַר די בעדערפעניסען, ווי אויף וועש און עסען און דאָס ברענגט צו א דעפיציט פאַר דער אינסטיטוציע.

איך האָב פּראָאינטערעסירט פערשידענע געזעלשאַפטליכע טהוער, דערונטער דעם ה' מרדכי לענגער, וועלכער איז געקומען מבקר חולה זיין ר' דוד האַמערשטיין. שפּעטער איז ה' לענגער צוקאָאָפּטירט געוואָרען אין דער פערוואַלטונג און ער האָט אָנגעהויבען אַנ'אינטענסיווע נוצליכע ארבייט פאַר'ן בית-יתומים און מושב-זקנים. ה' לענגער האָט גענומען זוכען מיטלען און ער האָט געווירקט ביי א געוויסע יודישע פירמע זי זאָל זיך בעשטייערען מיט א געוויסע געלד-סומע לטובת די צוויי אינסטיטוציעס. ער האָט איבערגענומען די ווירטשאַפט אין זיין האַנד און אַלץ איינגעקויפט ביי דער ערשטער קוועלע. א דאַנק דער גרויסער נדבה פון ראַדאָמער בן-עיר חיים נחמן קירשענבוים ז"ל, איז אויפגעשטעלט געוואָרען א פּאַרקען פון בעטאָן און ה' לענגער אַלס געניטער לאַנדווירט האָט פערפלאַנצט אויפ'ן ארומיגען פּלאַץ א גאָרטען מיט אַלעען. ביי די יודישע אייזען פאַבריקאַנטען האָט ער אויסגעפּועל'ט א געשאַנק 4 אייזערנע בענק אין גאָרטען אריין. אין דער צווייטער זייט פון דער געביידע האָט ער פערזעצט קאַרטאָפעל, פּאָמידאָרען, מייערען, בוראַקעס, ארבעס און פערשידענע געמיזעס פאַר'ן נוץ פון די אינסטיטוציעס. מ'זאָל נישט ברויכען יעדע זאַך קויפען. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די פערוואַלטונג, אַז מ'ברויך די זקנים בעסער און לייטישער בעהאַנדלען און אין א גרויסע מאָס איז טאַקע צו פערדאַנקען דעם ה' לענגער, וואָס די אַלטע לייט זענען איבערגעטראָגען געוואָרען אין געמויערטען בנין. ה' לענגער האָט באַלד דערנאָך דורכגעפיהרט אינוועסטיציעס: וואַננעס און מאָדערנע אובּיקאַציעס פאַר די קינדער און אַלטע לייט. א דאַנק זיין איניציאַטיוו האָט די יודישע פירמע נאַרימבערסקי געשענקט ווינטער א וואַגאָן קוילען און די פירמע באַנקער האָט געשענקט — שפּייז אויף א געוויסע צייט. ער האָט פּראָאינטערעסירט עטליכע לעדער-אינדוסטריעלער, וועלכע האָבען געשענקט לעדער און שיך פאַר בית-יתומים און מושב-זקנים.

ווען ה' ראַדאָמסקי איז געקומען פון אמעריקא האָט ער בעזוכט די דערמאָנטע צוויי אינסטיטוציעס און מיט בעוואונדערט די לייסטונגען פון ה' לענגער, וועמען ער האָט געשאַנקען גרויס צוטרוי.

צו יענער צייט, ווען ה' לענגער האָט אָנגעהויבען פערברייטערען זיין טעטיגקייט לטובת דעם ב"י און מ"ז, איז איהם אויפפאַלענד געווען וואָס די ביכער געפינען זיך אין דער פּריוואַט-וואוינונג פון בוכפיהרער לייזער פישמאַן, ער האָט דאַן געפּאָדערט די ביכער צו ברענגען אין קאַנצעלאַריע פון די צוויי אינסטיטוציעס. ער האָט צו דעם צוועק געפיהרט א קאַמף צוויי יאָהר, ביי דער גלייכגילטיגקייט פון דער פערוואַלטונג, און ענדליך איז איהר געלונגען ארויסצובעקומען די ביכער. וועלכע האָבען געפונען זייער אייגענטליך אָרט אין בית-יתומים.

ווען ה' לענגער האָט זיך בעקענט מיט דער בוכפיהרונג, האָט ער צווישען אַנדערע נישט פּינקטליכקייטען, אויך בעמערקט אַסיגנאַציעס אויף 400 קילאָ מצות, פאַר וועלכע דאָס בית-יתומים האָט בעצאָהלט 360 זל. דאָס איז געווען אונפערשטענדליך, ווייל זייענדיג פאַר פסח ביים גמינע - פּרעזעס ה' דען, ביי וועמען ער האָט פערלאַנגט א סכום מצות פון דער קהלה פאַר בית-יתומים און מושב-זקנים, האָט ה' דען ערקלערט, אַז ער האָט געגעבען געלד אויף 7000 קילאָ מצות דער „עזרה", זי זאָל פערטיילען אָרימעלייט און אויך פאַרן שפּיטאַל, בית-יתומים און מושב זקנים. פאַר די לעצטע צוויי אינסטיטוציעס האָט ער בעשטימט 400 קילאָ מצות. דערביי איז אויך געווען די לייטערין פון ב"י פרוי מינא גראָספעלד. ה' לאַנגער האָט זיך נאָך מעהר איבערצייגט, אַז ס'איז אַזוי געווען, ווען ער האָט געלייענט אין „ראַדאָמער לעבען" וואו ס'איז געווען דערמאָנט, אַז עזרה האָט פון זיי געגעבען 400 קילאָ מצות פאַרן בית-יתומים און מושב זקנים.

דאָס איז געווען פאַראַיאָהרען פסח 1937.

ווען ה' לענגער האָט דאָס אַלץ פאַרגעשטעלט דער פערוואַלטונג פון ב"י, האָט זי עס באַגאַטעליזירט. נאָך מעהר, זי האָט ערקלערט אין „ראַדאָמער לעבען" מיט עטליכע וואָכען צוריק, אַז זי האָט די 400 קילאָ מצות ערהאַלטען און האָט פאַר זיי בעצאָהלט און ממילא געגעבען מוטה פישמאַנען ארויסצוטרעטען מיט אַזעלכע אונדערהערטע ברוטאַלע און געמיינע רכילות אויף אַנ'ערליכען געזעלשאַפטליכען עסקן, ווי דאָס איז ה' לענגער. א פאַקט איז, אַז די גמינע האָט געגעבען 400 קילאָ מצות פאַרן בית-יתומים און מושב זקנים, אָבער ווי ס'איז צו דרינגען פון דער ערקלערונג פון דער ב"י - פערוואַלטונג, האָט זי פאַר דעם זעלבען קוואַנטום מצות אויך בעצאָהלט. סאָ פרעגט זיך ווי אַזוי האָט די פערוואַלטונג פון בית יתומים רעאַגירט אויף דעם וואָס ה' לענגער האָט איהר פאַרגעשטעלט און וואו זענען די 360 זל. אַהינגעקומען?

פישמאַן האָקט א טשייניק מיט כללים פון בוכפיהרונג, קאָנטעס פון פּשעכאָדניע, קאַסע-פּאָזיציעס, עפּעס א לשון, וואָס די ברייטע מאַסען קענען זיך וועניג אָריענטירען און ס'בלייבט סוף כל סוף אָפען די פראַגע, וואָס איז מיט די 400 קילאָ מצות פאַר 360 זל. נישט קענענדיג געבען קיין קלאָרען ענטפער, פאַלט ער אריין אין היסטעריע און שיט מיט געמיינע, נידערטרעכטיגע בלבולים אויף א מענשען, וואָס מעהר ווי גוטס האָט ער דעם בית-יתומים, נישט געטוהן. עס איז פּשוט צו שטוינען אויף דער חוצפה פון אַזאַ איינעם, וואָס איז יאָהרען לאַנג געווען אַנגעשטעלט פאַר פענסיעס אין פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אָנצופאַלען אויף א קרישטאַל - ריינעם מענש, מיינענדיג, אַז מיט וואולגאַרע זידלערייען און פּלוידערייען, מיט ביטול אַהער און ביטול אַהין, וועט ער זיך ארויסדרעהען צו געבען א קלאָרען ענטפער, וואו די 360 זל. זענען אַהינגעקומען. פישמאַן איז טאַקי געווען נאָר אַנ'אָנגעשטעלטער, אָבער אין זיין לעצטען פּאַשקוויל און מיאוסע שמירעריי שטעלט ער זיך אוועק אין דער ראָל פון א בעל-דעה גאָר פון בית יתומים און אַלס אַזעלכער ברויך ער שוין אודאי אָבגעבען א קלאָרען און דייטליכען דין וחשבון.

איך האָב' דעם איינדרוק, אַז דאָס וואָס פישמאַן איז אָבגעזאָגט געוואָרען פון זיין פּאָסטען אַלס בוכפיהרער אין בית יתומים און אויף זיין אָרט ארבייט איצט א צווייטער בוכהאַלטער — אַז דאָס האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגען.

דעם „העלד" פישמאַן וויל איך פרעגען, וועלכע „מעשים טובים" האָבען אייך געגעבען דעם טרויעריגען מוטה צו בעשמוצען אַנ'אַנשטענדיגען און ערליכען מענש. ווער זענט איהר פאַר איינער? דרך - ארץ!

י. ק.

דער פולער נאָמען געפינט זיך אין רעדאַקציע.

אין גאַרבאַטקע איז לעבעדיג און לוסטיג.

מאַן קומט צו-גאַסט צום ווייב און מוז א גאַנצע נאַכט ליגען איז וואַלד — חתן פערליבט זיך אין א וואַרשאַוויאַנקע און אנטלויפט פון דער כלה.

זומער לעבן! ווי גוט איז צו פערברענגען אויפ'ן שויס פון נאַטור און איינזאַפּען אין זיך דעם דופט פון פעלד, וואַלד און בלומען. ווי אָנגענעהם איז צו פערברענגען אונטער די שטראַלען פון דער זון.

פון אָט די אַלע תענוגי עולם הזה געניסען אַלע אָהן אויסנאַהם מענשען. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס די עלטערע מענשען פאַהרען געניסען פון די דאַטשעס, בכדי להחיות את נפשם, ראַטעווען דאָס געזונד, אויסקורירען די פערשידענע מיחוש'ען, און סתם פערגעסען די אַלטעגליכע זאָרג, וועלכע דאָס לעבען טראָגט אונז אונטער.

פאַר די היימישע יוגענד אונזערע, איז אָבער דאָס פאַרברענגען אויף דאַטשעס, פערבונדען מיט גאַנץ אַנדערע בעגריפען, א שטייגער ווי: פליאַזשע, זון, פלירט און... אמת'ע ליעבע...

וויפיעל מאָהל האָט עס שוין פּאַסירט (ס'זאָל אַזוי נישט טרעפען) דאָס פון אַזעלכע לייכטע פלירטלעך... ס'הייסט פון „צופעליגע" בעקאַנטשאַפטען אויף זומער-וואָהנונג, האָט נישט איין יונג פּאָרל געשוואוירען טרייהייט צו זיך, ביים שיין פון דער לבנה... און נאָכהער געשלאָסען א בונד „אויף אימער אונד עוויג"...

אָבער טראָץ אַלע זיינע מעלות און אייגענשאַפטען האָט דער זומער אויך זיינע שאָטען - זייטען. און ווען די נאַטור איז צו אַזעלכע קאַפּריזנע געשטימט, דאַן קומט פון פאַרברענגען אויף דאַטשע אַמאָהל ארויס א בכיה לדורות...

אַז אָט די הקדמה איז געווען א ריכטיגע, קאָנען אונז אַלס בעווייז דיענען די צוויי פאַקטען, וועלכע האָבען פּאַסירט אין אונזער היימישען גאַרבאַטקע אין סאַמע ברען, פון די גרויסע היצען, אין זומער-סעזאָהן.

די ערשטע געשיכטע האָט פּאַסירט מיט א יונג פּאָר-פאָלק. שוין אפילו א שיינע פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה, וועלכע איז אָבער פון אָנהויב אָן נישט קיין איבעריג גליקליכע. דער שטן-המשחית האָט זיך פון דער ערשטער מינוט אָן אריינגעלייגט און וויל פאַר יעדען פּרייז צושטערען די „אידיליע" פון מאַן און ווייב...

נישט בלויז דער שטן, נאָר אויך דער יונגערמאַנטשיק רוקט ארויס טענות צו שווער און שוויגער, בכן מ'האָט איהם בעעוולה'ט, נישט געסילוקט אים דעם פולען סכום נדן פאַרן „גרויסמוט" פון בעוויליגען צו גיין אונטער דער חופּה...

לויט די רייד פון שווער און שוויגער שטעלט זיך דער ענין פאַר גאַנץ אַנדערש, אַז געקריגען האָט דעם איידעם, דווקא א ניש'קשה'דיגע אַפּותיקי, נישט מעהר וואָס ר'איז א לא יוצלח. א גרויסער שלימזל, ווייל צו וואָס און צו וועלכע מסחרים ער זאָל זיך נישט האָבען גענומען, איז פון ביסל געלד געוואָרען אַש.

און דאָס איז דאָך שוין א בעוואוסטע זאַך, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּרנסה, איז אויך נישטאָ קיין שלום-בית.

טאַטע-מאַמע זענען דאָך, ווי מ'זאָגט, אַנ'איבערבעט, האָט מען, בכדי נישט צו ליידען קיין בזיונות און זיך נישט צו קאָמפּראָמיטירען פאַר מענשען, אָפּט אונטערגעשטיצט מיט געלד און אַנדערע נויטיגע זאַכען די גאַנצע צייט און אַפילו געדינגען היי-יאָהר א זומער-וואָהנונג אין גאַרבאַטקע.

אָבער אַז ס'איז נישטאָ קיין קווינט מזל, העלפט נישט קיין פונט גאָלד. דאַרף זיך פונקט מאַכען, דאָס אויף דאַטשע, וואו מענשען זענען צומיינסט להוט נאָך סענסאַציעס, זאָל אונטערקומען א פעטער ביסען, צוצולייגען ממש אויף טעלערלעך...

און געשעהן איז א זאַך וואָס איז עלול נאָכמעהר צו פערטיפען דעם תהום. נאָך עטליכע וואָכען זיין אין גאַרבאַטקע, האָט זיך דער יונגערמאַנטשיק פערבענקט נאָך זיין ווייבעל... און אין א שעהנעם פרייטאָג אין דער פריה: ויבוא המן (געמיינט דעם מאַן)

ווייסען מיר נישט, צי די בעגריסונג פון מאַן איז נישט געווען ווי ס'ברויך צו זיין, אַלענפאַלס דער ברוך הבא איז אויסגעפאַלען זעהר נישט גינסטיג פאַר'ן מאַן... ווייל באַלד דעם ערשטען פרייטאָג-צו-נאַכטס האָט אונזער „העלד" נעבעך געמוזט נעכטיגען אין דרויסען...

נאָך א נס וואָס א שכן האָט עס בעמערקט און אויסגעבאָרגט א פעלד-בעטעל צום שלאָפען...

ס'רעדט זיך אַזוי שלאָפען. אונזער יונגערמאַן האָט א גאַנצע נאַכט געציטערט פון קעלט און קיין אויג נישט צוגעטהון און דאָס ווייבעל... גאַרנישט, האָט פערדרעהט דעם שליסעל פון דער טהיר, פונקט ווי נישט זי מיינט מען...

ס'חייבעל האָט זיך אַפילו צומאָרגענס פערענטפערט, היות זי פערנעמט בשותפות מיט עמיצען די וואָהנונג איז נישטאָ קיין אָרט... פאַר'ן מאַן. שכנים האָבען עס אַלענפאַלס נישט אָנגענומען פאַר קיין תירוץ... ס'סייטש... היתכן אַנ'אייגענעם מאַן...

דער פינאַל האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטען, ווייל באַלד אויף צומאָרגענ'ס נאָך די „ליל שמורים"... איז פאַרגעקומען דער עפּילאָג „פון דעם גאַרבאַטקער חלום אין א זומער נאַכט...

געגנוי וואָס ס'פּאָר-פאָלק האָט צווישען זיך הייס „דעבאַטירט" איז אונז נישט בעקאַנט, נאָר מיט איינמאָהל האָבען גענומען פליהען וואָלגערהעלצער, בענקלעך, טעפּלעך. ס'האָט זיך דערהערט א בראַזגעריי פון צוברעכענע גלעזער, שויבען, אויסגעמישט מיט ווילדע געשרייען און געוואַלדען און ווען מען איז אריין אין שטוב, האָט מען דאָרט געטראָפען א חורבן, תשעה-באב...

פערשטעהט זיך דאָס נאָך דעם „קאָנצערט". זענען ביידע, דאָס ווייבעל פריהער. נאָכהער דער מאַן, כהרף-עין, מיט'ן

איבערגעלאזט דעם דערטרונקענעם אין דער ווייסעל
און געשוואוירען נישט צו ענטפלעקען דעם סוד פון זיין וואסער-קבר.

אין די הייסע טעג האבען מענשען ליב צו ליגען אין די וואסערען. מען שווימט און מען באדט זיך און מען ווערט נישט מיעד דאס צו טהון גאנצע טעג. דאס איז געווארען אזא ספארט. אז מען שטעלט זיך נישט אב צו רעזיקירען אין די געפעהרליכסטע ערטער און אפילו די אפטע קרבנות, וואס די טייכען און וואסערען שלינגען-איין יעדעס יאהר אין דער צייט – שרעקען נישט אב.

אלץ שווימט אין די וואסערען. מענער, פרויען, יונגלעך, מיידלעך און אפילו קינדער אויך.

פון אונזערע היימישע ערטער קומען אויך לעצטענס אן גרויסען פון שווים-ספארטלער, וועלכע מען ראטעווען ארויס און פון אזעלכע וואס ווערען דערטרונקען און מען ווייסט נישט א פאר טעג וואו זיי זענען ערגיץ פערשווינדען.

אט אזא אויסטערלישער פאל האט די טעג זיך פערלאפען מיט א ראדאמער קריסטליכען יונגערמאן יעזשי טשישעשעווסקי.

סטישעשעווסקי איז געפאהרען מיט א גאנצע גרופע אויף א קאלאניע אין קאזשעניצער געגענד. אין א געוויסען טאג איז ער אוועק מיט עטליכע קאלעגען צו דער ווייסעל זיך באדען. טשישעשעווסקי האט אנגעהויבען טרינקען און טראץ די רעטונג פון זיינע חברים, איז ער אראב אויפ'ן דנא. די יונגלעך זענען דאן ארויס פון דער ווייסעל און אנטלאפען, איבערלאזענדיג זייער חבר אין שויס פון דער ווייסעל. זיי האבען זיך געגעבען א שבועה, נישט צו ענטפלעקען דעם סוד פאר קיינעם, וועגען דעם שרעקליכען פארפאל. דאס האבען זיי געטוהן אויס מורא פאר דער אנפיהרערשאפט פון דער קאלאניע. אהן וועמענס וויסען זיי האבען זיך דערווייטערט פון „אבאז" און בשתיקה אוועק צו דער ווייסעל.

די יונגלעך האבען זיך צוריקגעקעהרט אויף דער קאלאניע, ווען מ'האט ארויסגעגעבען מיטאג און זיי האבען גענומען די מיטאג-פארציע פאר זייער דערטרונקענעם חבר, וואס זיי האבען אליין אויפגעגעסען, כדי צו פערווישען יעדען שפור.

ערשט שפעט אין אווענט האט די לייטערין פון דער קאלאניע בעמערקט אז טשישעשעווסקי איז נישטא. זי האט געפרעגט די קאלעגעס, וואו ער איז און יענע האבען קאלטבלוטיג געענטפערט, אז זיי האבען איהם געזעהן ביים מיטאג. שפעט ביינאכט איז זי שוין געווארען אונרוהיג און מ'איז ארויס זוכען דעם פערלוירענעם. מ'האט געזוכט אין דער גאנצער געגענד, מ'האט זיך אראבגעלאזט אויף דער דנא פון קאזשעניצער טייך, אבער אומזיסט, נישטא קיין געביין פון איהם. ס'איז אוועק א נאכט, א טאג און מ'קאן נישט זיך דערוויסען וואס מיט'ן פערשווינדענעם טשישעשעווסקי איז געשעהן. זיינע חברים קוקען-צו. ווי מען זוכט און מען נישטערט און זיי שווייגען ווי א קבר. אויף צומארגענס האט זיך געמאלדען א פויער אין דער קאלאניע, וועלכער האט דערצעהלט, אז די ווייסעל האט ארויסגעשליידערט אויפ'ן ברעג דעם טויטען קערפער פון א דערטרונקענעם יונגעל.

ס'איז באלד אוועק אויפ'ן אנגעוויזענעם ארט די לייטערין מיט א דאקטאר און פאר זייערע אויגען האט זיך בעוויזען א שרעקליך בילד. אויפ'ן זאמד פון ווייסעל-ברעג איז געלעגען א טויטער קערפער אנגעבלאזען ווי א באלאן, דער קאפ מיט די הענד געשוואלען, דאפעלט גרויס, און דאס פנים אינגאנצען פערענדערט, אז מ'קאן נישט דערקענען די ריכטיגע צורה.

מ'האט תיכף ארויסגערופען די עלטערן פון ראדאם און דאן איז ענטשטאנען א רעטעניש ווער דאס דערטרונקענע יונגעל איז. אפילו די לייבליכע מוטער, טשטשישעשעווסקי'ס, האט איהם נישט דערקענט. ערשט לויט ספעציעלע סימנים, וואס איינער פון זיי איז געווען, אז ער האט געהאט א פלאמבירטען צאהן, איז געלונגען פעסטצושטעלען, אז דאס איז דער זעלבער, וואס איז אנטרינען געווארען פון דער קאלאניע.

בינו לבינו איז אויך אנגעקומען צולויפען די מוטער פון איינעם פון די קאלעגען, וואס זענען געווען עדות פון טשישעשעווסקי'ס טראגישען טויט, און זי האט איבערגעגעבען, אז איהר זוהן, ווערענדיג פערפייניגט פון געוויסען-ביסען, האט זיך פאר איהר מתודה געווען וועגען די שבועה, וואס מ'האט אויף איהם ארויפגעלעגט. מ'האט דאן גענומען די יונגלעך אויף א קרייץ-פערהער, בעת וועלכען זיי האבען זיך מיט געוויין צו אלץ מודה געווען.

טשישעשעווסקי איז בעערדיגט געווארען אויפן קאזשעניצער צמענטאזש.

איבערגעפאהרען א מענש צום טוידט.

דער איינוואהנער פון ביאלאבזשעג סטאניסלאוו יאנישעווסקי איז אוועק צו פיס אין א נאהענטען דארף. אויפ'ן וועג זענען געפאהרען א סך פיהרען און יאנישעווסקי האט זיך ארונטערבעקומען אונטער איינע פון זיי. דער נישט פארזיכטיגער פוהרמאן איז געוועזען א געוויסער פראנצישעק פיוואר, וועלכער איז אזוי איבערגעפאהרען יאנישעווסקי'ן, אז ער האט איהם צעבראכען דעם רוקען. א האלב-לעבעדיגען האט מען יאנישעווסקי'ן איבערגעפיהרט אין שפיטאל אריין. יאנישעווסקי איז אין 10 טעג ארום געשטארבען, איבערלאזענדיג א פרוי מיט קליינע קינדער.

פראנצישעק פיוואר איז געשטעלט געווארען פאר דעם ראדאמער קרייז-געריכט. ער האט זיך מודה געווען, אז ער איז טאקע איבערגעפאהרען יאנישעווסקי, ער איז אבער נישט שולדיג, ווייל ער האט געשריגען „נא באק" נאר יענער האט נישט געהערט.

דאס געריכט האט איהם פעראורטיילט אויף 1 יאהר תפיסה, אפלייגענדיג אויף 3 יאהר מיט דעם בעדינג, אז ער וועט בעצאהלען דער אלמנה 100 גילדען פאר לויה-קאסטען.

אר.

פון ראדאמער ספארט. „יוטזשניא" — „הפועל" 2:2 (1:2)

פערגאנגענעם שבת איז דא פארגעקומען א פריינדשאפט-מעטש צווישען די ראדאמער אידישע ארבייטער-מאנשאפטען יוטשניא און הפועל. דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט א רעמיס רעזולטאט 2:2. ביז דער פויזע 2:1 פאר הפועל.

די אידישע מאנשאפטען האבען געשפילט זעהר ברוטאל, אזוי, אז 2 שפילערס האט מען געמוזט אראפטראגען פון פלאץ מיט גוט-צעקלאפטע פיס און 2 שפילער האט דער ריכטער בעזייטיגט פון פלאץ.

פאר הפועל האבען געשאסען גאלען קומעץ און הירשענהארן; פאר יוטשניא מאנדעלבוים ביידע גאלען.

דער מעטש איז געשטאנען אויף א גאר שוואכען ניווא.

ריכטער איז געוועזען גאר שוואך ה' מאטלאש, וועלכער האט דערלויבט צו אזא ברוטאלען שפיל.

עס איז א גרויסע עולה פאר ביידע מאנשאפטען וואס מען האט ה' מאטלאשען ארויסגעשטעלט אלס ריכטער.

אר.

פארלאזטע נשמות
צום טראגישען טוידט פון ראדאמער יודישען קלעזמער יעקב אייזענשטיין
(טראסק)

...יודישע קלעזמארים. וויפיעל וועגען זיי געשילדערט געווארען דורך יודישע שרייבער, וויפיעל הארץ און נשמה האט אונזער מייסטער יצחק לייביש פרץ ארויסגע'כישופ'ט פון דעם יודישען קלעזמער, אין זיין פרעכטיגע ערצעהלונג „וואס אין דעם פידעלע שטעקט".

וואנדערער, פערוואגעלטע-נשמות, האבען זיי געשפילט אין פריצישע הויפען, אויף דארפיש-פויערישע חתונות. האלב דייטשיש אנגעטוהן האבען זיי אויסגעזעהן ווי פרעמדע, געקומען פון ערגיץ. חסידישע יודען אין זייער ביטול צו עולם הזה האבען זיך גוט אויסגעוויינט און געמאכט זייער חשבון הנפש, ווען זייערע פידעלעך האבען אויף יודישע חתונות אויסגעשפילט דרכך.

זיי האבען בעשיינט יודישע-חתונות אויסשפילענדיג די יודישע פריידען און אויך טרויעריגע תשובה-מאטיוון, – יודישע קלעזמערס זענען איבעריג געווארען. מיט'ן אויפקום פון ראדיא, קלאנג-פילם, זענען זיי ארויסגעשטויסען געווארען. דאס שווערע יודישע לעבען האט איינגעפיהרט „שטילע-חופות" אויף וועלכע מען דארף נישט קיין קלעזמארים. דרעהען זיי זיך ארום ארויסגעשטויסענע פון לעבען, הונגעריגע, דערשלאגענע, שאטענס פון מענשען.

יאנקעל אייזענשטיין, דער ראדאמער קלעזמער, מיט'ן פאפולערען צונאמען „טראסק" (וואס נעמט זיך פון אלעמאהל ציהען ביי די גע-סטראנע, וואס האט אפגעהילכט ווי א דינער טראסק.) א הויכער, א דארער, מיט א געהויקערטע פלייצע, האט ער יאהרען פרעהליך געמאכט אויף יודישע שמחות מיט זיין מעשענעם טראמפייט, אדער ווי קלעזמארים רופען פאזאן. ווער געדענקט נישט אויף יודישע חתונות, דעם הויכען שווארצען יאנקעל'ען — ווי ער האט ארויסגעשטרעקט דורכ'ן פענסטער זיין מעשענע טרובע אין א זומערדיגע שטילע נאכט און טרומייטערט לכבוד דעם חתן וואס קומט אן, אדער זיין בעגלייטען חתן-כלה צו דער חופה, אויסשאלענדיג א סיגנאל, אז א נייע לעבען געהט אויף און מ'זאל מאכען א ווארע אויפ'ן וועג צו א ליכטיגער צוקונפט.

אנ'איבעריגער האט ער זיך געדרעהט לעצטענ'ס, א הונגעריגער מיט טויזענטער זארגען. א קרבן פון די צייט, ס'הארץ האט נישט אויסגעהאלטען די פיין און ער האט א סוף געמאכט צו זיין קלעזמעריש-לעבען, וואס איז געווען פיעל מיט „גרילצענדיגע טענער"...

אפשר וועט זיין פערשניטען לעבען זיין א דערמאנונג, אויף די קלעזמעריש-פערוואגעלטע נשמות וואס דרעהען זיך ביי אונז און דארפען אויך לעבען.

ס. גוטהערץ.

נעכסטען צוג, פאר גרויס חרפה, אנטלאפען צוריק קיין ראדאם. און ווי מ'שמועסט וועט דער עפילאג פון גארבאטקער „געלעגער" אונטער'ן פרייען הימעל האבען זיין אפקלאנג אין בית־דין־שטיבעל...

די צווייטע געשיכטע אונזערע איז שוין דאגעגען נישט פארגעקומען צווישען פערהייראטע מאן און ווייב, נאר צווישען חתן-כלה, אבער אויך דא איז נישט קיין גליקליכער עפי-ענד.

א ראדאמער יונגערמאן, א פאכמאן מיט א דורכשניטליכען פערדינסט, האט ס'מזל צוגעשפילט און ער האט א שידוך געטוהען מיט אנ'אנשטענדיג מיידעל און דערצו א גאנץ פערמעגליכע.

לעצטענס נאכ'ן אפגעהן עטליכע יאהר, האט מען גענומען קלערען וועגען תכלית און דעם מיידעל'ס עלטערען האבען גענומען פארברייטען א זמן חתונה.

וואלט דאך אלץ געווען וואויל און פיין, איז אבער דער שטן מקטריג און דערצו נאך אויף פרישע לופט אין גארבאטקע.

און געשעהן איז א „קלייניגקייט". דער חתן-בחור איז פארן ארויפפרעטען אופן נייעם לעבענס-וועג ארויסגעפאהרען אין פענסיאנאט זיך אביסעלע ערהאלען, און די כלה איז געבליבען אין ראדאם, זייענדיג פערנומען מיטן צוגרייטען פאר זיך דעם אויססטייער א. ז. וו.

דארף זיך פונקט מאכען, דאס אין זעלבען פענסיאנאט, איז אויך איינגעשטאנען א „ווענוס" פון ווארשא, און אונזער ראדאמער „העלד" האט באלד ביים ערשטען בליק פארגעסען, פון וואס, און ווען. און זיך א „קאפעטשקע" איינגעליבט אין דער ווארשאוויאנקע...

און פון דער צופעליגער בעקאנטשאפט האט זיך פונאנדערגעפלאקערט א „הייסע" ליעבע. און אזוי ווי ביידע האבען לאזשירט אין איין פענסיאנאט, האט מען צוזאמען געגעסען, געטרונקען, צוזאמען פערברענגט אויף לענגערע שפאצירען אין וואלד, וואו אונזער פריש-פערליבטער חתן-דנן האט געפליסטערט צו זיין נייער געליבטער, פאעטישע רייד, פערגעסענדיג לגמרי אין דער ראדאמער כלה...

ווענד האבען אויערען, און מענשען האבען אויגען; האט מען טאקי צווישען געטהון קיין ראדאם אזוי און אזוי זייט וויסען דאס די „לופט" האט דעם צוקונפטיגען מאן און איידעם פערשאפט.

ס'איז זיך לייכט פארצושטעלען מיט וואס פאר א „פרייד" מ'האט אויפגענומען די בשורה. די כלה האט ס'פאזמירט. אזא פערשעמונג און קורץ פאר די התונה!

די עלטערן האבען זיך אפילו געטרייסט. גלייכער פריהער ווי שפעטער און גלייכצייטיג באשלאסען איהם אנצולערנען למען ישמעו ויראו.

אין א שיינעם פריהמארגען, אין איינעם פון די הייסע טעג, ווען דער וואלד איז פול מיט מענשען, און אויך צווישן זיי האט שפאצירט דאס פריש-געבאקענע פארל, איז נישט צו וויסען פון וואנען. און ווען, האבען אנגעקלינגען צוויי פייערדיגע פעטש, מיט א הילכיגן עכא, ארויסרופענדיג א צוזאמענלויף פון א גרויסען עולם נייגעריגע.

ארויסגעוויזען האט זיך דאס די ראדאמער כלה'ס עלטערן האבען דעם „תכשיט" אזוי מקיים-פסק געווען אחת ואחת, אחת ושתים, אז ער וועט עס האבען צו געדעקען אויף זיין גאנץ לעבען....

פארשטייט זיך נאך אזא אומגעריכטן „וויזיט" מיט „מתנות" איז שוין אונזער יונגערמאן קיין ראדאם נישט געפאהרען, און צוזאמען מיט זיין נייער באשערטער, דער ווארשאוויאנקע, אוועקגעפאהרען קיין ווארשא...

דערווייל האט גארבאטקע פון וואס צו פליאטקעווען און צו דיסקוטירען.

מעט-רייש.

גארבאטקא אין אויגוסט 1938

א ביסעל הומאר

אוי, אורבאניסטיק!..

צווישען ווירטסלייט

1-טער: גוט מארגען, ווען זענט איהר ארויס?

2-טער: נעכטען, און איהר?

דער פראווינצער חתן

פראווינצער בחור (צום שניידער): וויפיל ווילט איהר פאר אויספרעסען די הויזען?

שניידער: 1 זלאטי.

בחור: אויב אזוי, נאט אייך 50 גראשען און פרעסט מיר אויס נאר איין נאגעוויצע.

שניידער: וואס הייסט?

בחור: איך גיי מיך לאזען פאטאגראפירען. כ'דארף שיקען א פאטאגראפיע דער כלה קיין ראדאם. נו, וועל איך מיר לאזען מאכען א פראפיל-פאטאגראפיע.

זאגט א ראדאמער הויז-ווירט

זייט מען האט
דאס שטעטעל ראדאם
גענומען אויס
צו פיצען,
גיט מען נאר
א קלאפ אין טיר
מיין איך כ'גיי
שוין זיצען.

אן עצה
פאר א ראדאמער קאפיטאליסט

– כ'האב מיר געוואלט מאכען א געשעפט, פון וואס פאר ארטיקלען מאכט מען זיך?

– פון הויזען.

– פון הויזען?

– ?.....

– וועט איהר כאפט ארויס מיט די הויזען.

צווישען לעטנישקעס

1-טע לעטנישקע: זי האבען געהערט פאלטשע, איך בין נעכטען אהיימגעגאנגען פון וואלד, איז מיר נאכגעלאפען א יונגערמאן ביז צום הויז.

2-טע (מיט איראניע): האבען זי זיך געדארפט אויף איין מינוט אויסצודרייען, וואלט ער איהן נישט נאכגעלאפען.

שוין איינמאל א חכם!

– זאגט מיר ר' שכנא, וואס פאר א ברכה מאכט מען, ווען מ'זעהט אן אלטען בחור, וועלכער וויל נישט חתונה האבען?

– די זעלבע ברכה, וועלכע מיר מאכען איבער א וועלט-בערימטען חכם: „ברוך שנתן מחכמתו לבשר ודם"...

א „וויגאדנע" טעאטער-זאהל.

אין שטעדטעל ב. איז געקומען צו פאהרען א טרופע שפילען טעאטער. האט מען אויסגעזוכט א זאהל. אזוי אבער ווי קיין בענקלעך זענען נישט געווען האט מען פאר'ן טעאטער ארויסגעהאנגען א בעקאנטמאכונג:

צום געעהרטען פובליקום!

צוליב דער בעקוועמליכקייט פון פובליקום ווערט געגעבען:

אין דער 1-טער רייה צו ליגען.

אין דער 2-טער רייה צו קניען.

אין דער 3-טער רייה צו זיצען.

אין דער 4-טער רייה צו שטעהן.

אזוי ארום האבען אלע געקענט זעהן וואס עס טהוט זיך אויף דער ביהנע.

דער מאדערנער מענש.

א מאדערנער מענש דארף בכלל נישט קיין היים.

—פארוואס? אט פארוואס: א מאדערנער מענש ווערט געבוירען אין א קליניק. די יונגע יאהרען פערברענגט ער אין קינדער-היים, תנאים שרייבט ער אין אן אויטא. חתונה האט ער ביי א ווינקעל-מורה-הוראה. פארמיטאג זיצט ער אין דער צוקערניע, מיטאג עסט ער אין א רעסטאראן. נאכ'ן מיטאג שפילט ער קארטען אין קלוב. אין אווענד געהט ער אין קינא אדער אויף א ראנדקע. אויף דער עלטער געהט ער אין מושב־זקנים – טא אויף וועלכע כפרות דארף ער א היים?

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ, אפאטאוו, וויערזשבניק און אומגעגענד.

וואך-שפיגעל
געזעלשאפטליכע סקלעראזע.

עס איז פערהאנען א ספעציעלע תפלה וועגען א גוטע עלטער. יעדער איינער שטרעבט צו פיינע און גוטע לעבענסבעדינגונגען אויף די עלטערע יאהרען.

אל תשליכנו לעת זקנה איז א געבעט ווי יעדער וויל אויסבעטען פון גאט א מין אלטקייט'ס-רענטע, אנ'ארט עמעריטור אויף די אלטע יאהרען, קורץ, אנאסעקוראציע אויף די עלטער.

אנגענומען איז איבעראל אז די תפלה איז אנ'אינדיווידועלע, א תפלה פאר איינצעלנע יחידים, א פערזענליכע וואס יעדער יחיד בעט פאר זיך און פאר זיין פאמיליע, אבער אז די זעלבע תפלה האט א שייכות אויך מיט געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס — פון דעם האבען מיר נישט געוואוסט.

דעם קאמענטאר האבען מיר בעקומען נאך א געוויסער אבסערווירונג פון דער היגער קהלה, לויט די פאלגענדע פאקטען:

• • •

די היינטיגע קהלה האט שוין לאנג איהר קאדענץ פערענדיגט און לעבט נאר א דאנק א פערלענגערונג פון דער מאכט, זי איז אבגעשריגען געווארען אויף א געוויסע צייט.

דער לעצטענס-ענטשטאנענער אורבאניסטיק-צוואנג האט אויך גינטראפען די קהלה. האבען די דאזארעס ויך גענומען צו דער מלאכת הקודש, געדונגען מויערער און אנגעהויבען בעשיינען די ווענד פון די בתי-מדרשים.

מיט די מויערער זענען זיי פערטיג געווארען א פרייז און — דא קומט די סקלעראזע דיאגנאזע.

ווען די מויערער האבען פערטיג געמאכט די ארבייט און געקומען נאכ'ן אבגערעדטען לוין האט דער סעקרעטאר די פרייז נישט געוואלט אויסצאהלען, זאגענדיג, אז ער מוז פערזענליך זיך איבערצייגען, צי די דאזארעס (די פערוואלטונג כמעט אין קאמפלעט) האבען... נישט איבערגעצאהלט די פרייז...

איהר פערשטעהט, יודע צדיק נפש בהמתו. יעדער צדיק קען זיינע בהמהלעך, מסתמא ווייסט דער סעקרעטאר, אז די אלטע דאזארעס ליידען אויף סקלעראזע און ביי געלד-זאכען מוז מען זיי... קאנטראלירען.

• • •

אויב ס'איז אייך ווייניג דער דערמאנטער פאקט וועל איך מיר ערלויבען צו ציטירען דעם פאלגענדען פאקט נומער 2.

הי איז פערהאן א אלטע שוהל, וועלכע האט א גרויסען היסטארישען ווערט. לעצטענס האט זיך מיט די שוהל פעראינטערסירט די געזעלשאפט פאר פלעגען די אלטערטימליכקייטען און האט אויך אריינגעשיקט א גרעסערע סומע די שוהל צו רעסטארירען, צו בענייען אזוי, אז ס'זאל נישט פערשווינדען איהר אלטערטימליכקייט'ס-כאראקטער.

דאס געלד איז פערשטענדליך געשיקט געווארען צו דער קהלה און אויך דא האט דער סעקרעטאר אויפגעקלערט, אז דער וואונש פון סטאראסטא איז, אז די גמינע ד"ה די היינטיגע פערוואלטונג זאל אליין דעם רעמאנט נישט דורכפיהרען נאר ס'זאל געשאפען ווערען א ספעציעלער בוי-קאמיטעט ביי דער קהלה, וועלכע זאל דורכפיהרען די רעמאנטען.

צו דעם צוועק זענען ארויסגערוקט געווארען אייניגע פערזאנען, וועלכע זענען טאקי אריין אין דערמאהנטען קאמיטעט.

דער קאמיטעט פיהרט דורך די רעמאנטען, דיספאנירענדיג מיט די געהעריגע סומען, וועלכע זענען נויטיג אויף דעם צוועק.

די קהלה-פערוואלטונג שרייבט נאר אונטער די אסיגנאטען, וועלכע זענען פארמעל נויטיג.

עס איז דעריבער פערהאנען א פארמעלע קהלה, וועלכע רעפרעזענטירט אפיציעל די קהלה און א פאקטישע קהלה, וועלכע ערלעדיגט פאקטישע אויסגאבען, ווי רעמאנטען א. ד. גל.

א פולשטענדיג געזונדטען און זיכערען מענש שטעלט מען נישט אונטער קיין שום אויפזיכט.

די אויפזיכט איבער דער קהלה, צי ביי דער קהלה איז ווידער א בעוויין פון זקנה-סקלעראזע.

• • •

דאס איז אלץ אינערליכע דיסאנאנסען, יעצט די אויסערליכע פארוואורפען געגען דער קהלה זענען דאך גרעניצלאז, און דאס שטעלט דאך אונגעהויער אין שאטען די גאנצע קהלה-ארבייט. עס איז גענוג צו דערמאהנען די שארפע פארוואורפען פון די פערזאמעלטע געגען דער קהלה אין קהלה-לאקאל (וועגען וועלכען ס'איז שוין געווען געמאלדען אין אונזער צייטונג) און קיינער פון דער קהלה האט נישט געפונען פאר נויטיג צו רעאגירען, אדער צו צו צוציהען די בעליידיגער צו פעראנטווארטליכקייט (זאל זיין געזעלשאפטליכע, אויב נישט געריכטליכע).

דאס ווייזט, אז אונזער קהלה האלט נישט אויס דעם רייפקייטס-עגזאמען, עפעס שרעקט זי זיך, אז זי רעאגירט נישט געגען דערגראדירונגען פון אינוועניג און בעליידיגונגען פון אויסענווייניג.

• • •

בכלל איז די גאנצע קאנסטרוקציע פון דער קהלה א'נישט פראדוקטיווע, אלץ קומט עפעס פאר ווי אין געגענזאצען צום לעבען; א גרויס אינטענסיוויטעט ווייזט נאר די קהלה ארויס צו טויטע ענינים, ווי שעהן-לאקירטע קאטשען פאר איבערפיהרען מתים, פראצעסען פאר קברים וכדומה.

אלץ דרייט זיך דא זעהר שטארק ביי די קברים ווי דער געביט וואלט דאמינירט איבער אלץ; אויב אזוי, איז טאקע צוגעפאסט דער נומער 18 אויפן בית הקברות (וועלכער געפינט זיך פונקט אויף שיענקיעוויטשא 18) ווייזט אויס, אז דאס גאנצע לעבען פון אונזער קהלה איז דער בית-הקברות.

די בעדייטונג פון 18-חי טראגט דאריבער דא א סימבאלישען בעשייד פאר די גאנצע קהלה-ארבייט.

אהרן פרידענטהאל.

שרעקליכע שריפה אין אפאטאוו.

וועגען די ריזען-שרפה פון זייף-פאבריק „קאנסאריא" ל. מאנדעלבוים אקצ. געזעלשאפט אין אפאטאוו" האלטען מיר פאר נויטיג צו דערגענצען די פאלגענדע פרטים:

דער שאדען בעטרעפט 2 מיליאן זלאטעס און די אסעקוראציע בעטרעפט אפילו נישט קיין 25 פראצ. פון שאדען. א טאג פאר די שרפה איז אריינגעקומען אין די פאבריק 20 וואגאן פעטס אויף א סומע פון 3000.000 זל, די פראכטען זענען גאך זאגאר נישט בעוויזען געווארען פערבוכט צו ווערען.

אנגעהויבען האט זיך דאס פייער פון די אלעען-אבטיילונג און פון דאנען זיך אריבערגעכאפט אין די עקסטראקטארניע און די ליכט פאבריק, וועלכע זענען גענצליך פארברענט געווארען.

זעהר א שווערע ארבייט איז געווען ביים ראטעווען די בענזין און כעמיקאלישע אבטיילונג, ווייל פון דאנען האט געדראהט מיט א פולשטענדיגע פערניכטונג פון די שכנות'דיגע איינוואהנער.

די פירמע „מאנדעלבוים" איז פון די געציילטע פירמעס אין פוילען, וואס בעשעפטיגט כמעט בלויז יודען. דער גאנצער ביורא פערסאנאל, דער כעמ'שער פערסאנאל זענען יוד'ש, עס הערשט דא א טראדיציע פאר יוד'שע ארבייטער-הענד.

עס מוז אויך דערמאהנט ווערען, דאס לעצטענס איז געפיהרט געווארען א העפטיגע אנטיסעמיט'שע אגיטאציע געגען די יודישע פירמע „מאנדעלבוים" מכלומרשט צוליב דעם וואס דעם רויך פון קוימען פו'ן דער יודישער פאבריק מוזען אריינציהען אין זיך די פרימע קאטאליקען פון שכנות-דיגען קאשטשיאל. די פאבריק עגזיסטירט שוין איבער 60 יאהר און קיינעם איז נישט איינגעפאלען צו קרימען זיך פון רויך און פון דער יודישער פאבריק די „מאדערנע" סטאריעס האבען ערמעגליכט א קאמף געגען „יודישען" רויך אויך.

נאכ'ן טעלעפאנישען אלארם זענען 2 ברידער פון דער דערמאנטער פירמע געקומען מיט אנ'אעראפלאן קיין אפאטאוו און האבען בלויז פון דער הויך אבסערווירט די שרעקליכע שרפה און געמוזט צוריקפליהען קיין ווארשא. ווייל ביינאכט האט דער אעראפלאן זיך נישט געקענט אראבלאזען.

כוליגאנעריע אין אסטראוויעץ.

הינטערן שטאדט געפינט זיך די אזוי גערופענע „פיאסקי" וועלכעס דינט אלס לופט-ארט פאר די היגע יודישע בעפעלקערונג.

די איינוואהנער פון די „פיאסקיס" מאכען דאביי נאנץ גוטע געשעפטען. לעצטענס האבען זיך שילער פון בעקאנטען שניט גענומען אנפאלען אויף יודען, שלאגענדיג קינדער פרויען און שוואכע מענשען.

אזוי זענען זיי אנגעפאלען אויף דעם קראנקען גאלדבלום, וועלכער איז געלעגען אין וואלד און אהן שום מיטלייד איהם געקאפעט, געשלאגען א. ד. ג. נישט קוקענדיג אויף די געוויינען און בקשות פון דערמאהנטען גאלדבלום, וועלכער איז א געפעהרליך קראנקער מענש.

דער ה' פאליציי קאמיסאר וואלט זיך געמעגט מיט דעם פיינליכען ענין פעראינטערעסירען.

הפקר-מעשים.

זינט א לענגערע צייט גראסירט ארום א יונגערמאן אין רבנישע קליידונג, אנ'אצטלא דרבנן, און קלויבט נדבות, טיטולירענדיג זיך אלס ליפסקער רב.

דער יונגערמאן לאזט נישט דורך קיין איין געלעגענהייט נישט צו פאראדירען אין זיין רבנישען אוניפארם און מודיע זיין: איך דער ליפסקער רב בין געקומען.

עס איז איהם נישט קיין אונטערשיד, צי עס איז א פייערונג פון א פויליש-נאציאנאלען יו"ט, צי א יאהרצייט, צו עפיס אנ'אנדער געלעגענהייט.

יענע וואך ביי די פטירה פון אזאראווער רבין (וועגען וועלכען ס'איז געווען אין אונזער צייטונג בעזונדער געמאלדען), דער יוגגערמאן איז דא, און אנאנסירט זיך כדרכו: איך דער ליפסקער רב בין געקומען צו דעם לויה.

אזוי ווי די רביים פון אזאראוו קענען דעם ליפסקער רב פערזענליך האט מען דעם דערמאנטען „רב" נישט צוגעלאזט צום ווארט, ד"ה צום הספד. וועלכען ער האט געהאט אויסגעלערנט ביי זיין פאטער טוביה בדחן פון טארנאוו.

דער יונגערמאן, וועלכער איז ערצויגען געווארען אויף בדחנות, קאמעדיאנטישע שטיק א. ד. ג., ווייזט אויס, טייטש זיך, עשה לך רב, מאך דיך אליין פאר א רב.

ס'וואלט שוין געווען די העכסטע צייט צו רעגולירען דאס פעררופען זיך אויף פרעמדע טיטלען, אום אזעלכע מיסברויכען מיט רבנות-טיטלען זאלען נישט צופיהרען צו חלול היהדות.

פון ספארט לעבען.

א דאנק דער איניציאטיוו פון די יוגענדליכע וואווע שערמאן, לייזער אייזענשטאט, הירשעל פשעפיורקע, בעריל שערמאן און מאיר בערמאן איז דא געגרינדעט געווארען א ספארט-קלוב פאר פוטבאל „מארגענשטערן".

די גרינדער האבען אנגעטראפען אויף גרויסע שוועריקייטען ביים גרינדען דעם ספארט-קלוב.

דער פרעזעס וואווע שערמאן איז זאגאר געווען ארעסטירט 2 וואכען פאר שפילען א מעטש פאר'ן לעגאליזירען פון קלוב.

לעצטענס איז פארגעקומען א מעטש צווישען דעם ניי געגרינדעטען קלוב „מארגענשטערן" מיט'ן קלוב „טור" פון טשמעלאוו, וועלכער איז אויסגעפאלען 2:1 לטובת „טור".

דעם נעכסטען זונטאג וועט פארקומען א מעטש אין סטאשאוו מיט'ן אנטהייל פון דערמאנטן „מארגענשטערן".

פון ארבייטער-לעבען.

אין צוזאמענהאנג מיט די פערשארפטע בעציהונגען צווישען די טישלער מיט זייערע געזעלען האבען די טישלער אנגעזאגט א לאקאוט.

צוליב דעם לאקאוט פערלירען זייערע ארבייט'ס-מעגליכקייטען איבער 50 ארבייטער, דארונטער איבער 40 פראצ. פאמיליען-מענשען.

עס פערגרעסערט אויך די נויט צווישען די טישלער, וועלכע זענען מעהרסטענטהייל ארימע בעלי-מלאכות.

געשלעג אויף א ראדאמער ספארט-פלאץ.

זונטאג איז פארגעקומען א מייסטערשאפט-מעטש פון „צ"-קלאס צווישען „גוויאזדא" און „הוראגאן" פון פשיטיק. דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט א רעמיס-רעזולטאט 2.2. פאר גוויאזדא האבען געשאסען גאלען: פרידמאן און פלאמענבוים.

שוין בעת דעם מעטש איז געקומען צווישען די שפילער צו א געשלעג און דער מעטש איז איבערגעריסען געווארען אויף א קורצע צייט.

נאכ'ן מעטש האבען זיך די אנהענגער פון „הוראגאן" גענומען שלאגען מיט די יודען. פאליציי האט באלד אינטערווענירט און נישט דערלאזט צו קיין אוואנטורע.

א בריעף אין רעדאקציע.

זעהר געעהרטער ה' רעדאקטאר!

איך בעט זעהר צו געבען פלאץ אין אייער צייטונג פאר מיינע פאלגענדע ווערטער:

אין די לעצטע וואכען בעווייזען זיך אויף די שפאלטען פון דער ראדאמער יודישער פרעסע פערשידענע ארטיקלען, געשריבען דורך רעדאקטארען פרעזעסען און אנדערע, וועלכע זענען מכלומר'שט אויסען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון בית-יתומים און מושב-זקנים.

אלס מיטגליד פון דער פערוואלטונג פון דער אינסטיטוציע, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט איהר עגזיסטענץ און איהרע לויפענדע אנגעלעגענהייטען, ווענד איך מיך צו די אלע אויבענדערמאנטע ה"ה מיט דער בקשה אויפצוהערען מיט דער פאלעמיק.

די פערוואלטונג פון בית-יתומים און מושב זקנים האט אייך נישט געבעטען און נישט בעפולמעכטיגט צו נעמען א ווארט אין איהרע אנגעלעגענהייטען. ווייל זי איז אליין אימשטאנד צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון אנשטאלט און ברויך נישט האבען אייער מיטהילף. די ארטיקלען און ארויסטרעטונגען ברענגען שאדען בלויז דעם בית יתומים און מושב-זקנים. מיר האבען אין אונזער אנשטאלט צירקא 120 פערזאהן אויסצוהאלטען. נעמט דאס אין בעטראכט און די עסיק וועט אייך דיקטירען נישט צו דערמאנען דעם נאמען.

שתיקה יפה בעתו וחכמים הזהרו בדבריכם.

א. מערין.

אלטע, פערלעגענע שטייערן ווערען אויפגעמאהנט.

א גאנצע רייהע מענשען האבען די טעג ערהאלטען „אופאמניעניעס" צו בעצאהלען אלטע, פערלעגענע שטייערן פאר פערלאפענע יאהרען, דער שטייער-אמט מאהנט שטייערן נאך פון פאר 10 יאהר צוריק.

אין פיעל פאלען דערגרייכט דער שטייערען-חוב פון די פערגאנגענע יאהרען, דעם ציפער פון טויזענטער, וואס פאלט ווי א שווערע משא אויף א סך פון די צאהלער.

פיעל מאהל איז דורך דער צייט גערעדט און געשריבען געווארען, אז די פערלעגענע חובות פון די פריהעריגע יאהרען ווערען אנולירט, עס זענען שוין אויך געגעבען געווארען הנחות אויף דעם געביעט. נאך דעם אלעם ווייזט זיך ארויס, אז דאס אנולירען איז ווייט נאך נישט קיין טהאטזאכליכער ענין און אז אויך פון די הנחות האבען נישט אלע גענאסען, מחמת וייער הינטערשטעליגקייט אין אויסצאהלען געוויסע פראצענטער, וועלכע זענען געווען פארגעזעהען אין די בעזונדערע אקולניקעס אין שייכות מיט די הנחות פון די פערלעגענע שטייערען.

ווי ס'זאל נישט האבען געווען די סיבה, איז אבער א פאקט, אז די נייע „אופאמניענעס" פון די אלטע שטייערן פאלען אויף פיעל אונפערמעגליכע סוחרים און האנדווערקער, ווי א שווערער לאסט, וואס זיי זענען נישט בכח אויסצוטראגען. זיי פערמאגען פשוט נישט דאס, וואס מען מאהנט ביי זיי און זיי צאפלען מ'זאל ביי זיי נישט טעקוועסטרירען דאס לעצטע וואס זיי פערמאגן.

דאס אויפמאהנען די אלטע, פערלעגענע שטייערן האט אנגענומען שארפערע פארמען נאך מיט א געוויסע צייט צוריק און דאן האט מען געהערט, אז די היגע סוחרישע ארגאניזאציעס, ווי דער סוחרים-פעראיין און קליינהענדלער-פערבאנד אינטערווענירען וועגן דעם און זענען זיך משתדל פאר די ארימע, אונפערמעגליכע סוחרים, מ'זאל געגען זיי נישט אנווענדען קיין הארבע רעפרעסיעס. ס'קען זיין, אז ס'איז אויפגעטוהן געווארען עפעס רעלעס אויף דעם געביעט, אבער ס'איז שטיל געווארען און יעצט איז דער זעלבער ענין ווידער קאפויער געשווימען און ס'ווערט ווייטער אקטועל די פראגע אינטערווענץ ביי די געהעריגע אינסטאנצען פאר די ארימע סוחרים.

מיר האבען אין ראדאם יודישע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס, ווי סוחרים-פעראיין, קליינהענדלער-פעראיין און צוויי האנדווערקער-ארגאניזאציעס און ס'איז זייער חוב ארויסצווייזען אין דער הינזיכט א וואכזאמע טעטיגקייט לטובת די ארימע און אונפערמעגליכע סוחרים און האנדווערקער, וועלכע דערהאלטען אזעלכע דערמאנונגען און זענען ווירקליך נישט בכח צו בעצאהלען.

אקופאציע-שטרייק פערענדיגט.

דער אקופאציע-שטרייק פון די ארבייטער און דער פאיאנס-פאבריק פון ה' א. ראטענבערג, איז געווארען פערענדיגט לטובת די ארבייטער,

אלע פאדערונגען פון די ארבייטער זענען נאכגעגעבען געווארען. די פירמע ראטענבערג האט ארויסגעוויזען א גרויסע מאס נאכגיביגקייט, וואס איז א בעוויז, אז די דאזיגע פירמע געהער געהער נישט צו די יעניגע פירמעס, וואס לעבען און מאכען זייער עשירות פון עקספלואטירען די ארבייטער, די שארפע אנגריפען געגען איהר מצד א געוויסע ארטיגע פוילישע צייטונג זענען געווען ווייט נישט בערעכטיגט.

דאס לעבען אין קעלץ.

סענסאציאנעלער מארד-פראצעס.

היינטיגען מאנטאג האט דאס קרייז-געריכט בעטראכט דעם פראצעס געגען רעז. קאפיטאן קאמארעוויטש, פאר דערשיסען ביי א שארפען ווערטער-אויסטויש דעם אלקישער ערד-קאמיסאר צישעווסקי אין בריסטאל-באר.

די פערהאנדלונגען האבען ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס. א באגרעניצטע צאהל איז ארייגעלאזט געווארען אויף בילעטען. נאך דעם פראצעס-פערלויף, האט דאס געריכט ארויסגעבראגען אנ׳אורטייל לויט וועלכען דער בעשולדיקטער איז פארמשפט געווארען אויף 4 יאהר תפיסה.

צוויי יודישע יונגעלייט
ווערען פערוואונדעט בעת א מאטאציקל-קאטאסטראפא

היינטיגע וואך האט פאסירט הינטער טשארנעצקא-גורא, א שווערער מאטאציקל קאטאסטראפע.

אין מאטאציקל זענען געפאהרען די צוויי יודישע יונגעלייט חיים אלבירט (רינעק-פלאץ) און דער פאפולערער באקסער פון לאדזשער „הכוח" וואלדמאן. פאהרענדיג מיט א שנעלען טעמפא, איז דער מאטאציקל ארויף א בוים. אין רעזולטאט זענען ביידע יונגעלייט פערווינדעט געווארען, און מען האט זיי אבגעפיהרט אין שפיטאל קיין לאדז. זייער צושטאנד איז א בעפרידיגענדער.

כוליגאנישע אנפאלן.

היינטיגע וואך איז פרוי אפעל (באדזעטינסקא 104) געהענדיג אין גאס בעפאלען געווארען דורך כוליגאנעס וועלכע האבען זי צושלאגען מיט אנ׳אייזערנע הענדשקע. אויך איז א יודיש יונגעל בעפאלען געווארען אויף טאדעאושא גאס. הילף האט מען ערטיילט אין אמבולאטאריום פון דער אובעזפיעטשאלניע.

פאליציי פיהרט אנ׳אויספארשונג.

הלואה פארין שפיטאל.

היינטיגע וואך האט דער שטאדט-ראט בעטראכט דעם פארשלאג, וועגען בעקומען א הלואה אין דער הויך פון 50 טויזענד זלאטעס, פאר׳ן שפיטאל שוו אלעקסאנדרא, פאר די אינערליכע ארבייטען.

פערשטעהט זיך, אז וועגען יודישען שפיטאל האט מען פערגעסען...

יודיש יונגעל ווערט דערטרונקען.

אין יאנאוויעץ (קעלצער-געגענד) האט זיך היינטיגע וואך געבאדען דער 15-יעהריגער וואלף בורשטין פון ווארשא, אנטרעפענדיג אויף א טיף ארט איז ער דערטרינקען געווארען. דעם טויטען קערפער, האט מען ארויסגענומען פון וואסער.

סיוואלט שוין די העכסטע צייט געוועזען, דאס די עלטערען, עווענטועל אויפזעהער זאלען נישט לאזען באדען קינדער אויף פערבאטענע ערטער וואס פערמעהרען פאראפאלען.

קינדער פון די פאווישטשע-שולען אויף א זומער-קאלאניע.

טריי בלייבענדיג די טראדיציע, האט האט אויך היי-יאהר דער ענערגישער עלטערען-קאמיטעט פון די פאלקס-שולען, נישט קוקענדיג אויף די אונגעהויערע מאטעריעלע-שוועריגקייטען וואס זענען דערמיט פערבונדען, אויך היי-יאהר ארגאניזירט אין זאלעשיע א זומער-קאלאניע פאר די ארימע יודישע קינדער, וואס זאלען קענען געניסען פון א ביסעל פרישע לופט. די קאלאניע איז מוסטערהאפט ארגאניזירט.

היינטיגען זונטאג האט א קהלה-דעלעגאציע אין די פערזאנען פון די דאזארעס: אייזענבערג, גוטמאן, ביינוואל און קהלה-סעקרעטאר ה׳ סאקאלאווסקי בעזוכט די קאלאניע, די דעלעגאציע האט אויסגעדריקט צופרידענהייט און אנערקענונג, פאר די ארגאניזאטארען.

ס׳איז צו האפען, אז די ארטיגע יוד. געזעלשאפט וועט וויסען ווי געהעריג אבצושאצען די וויכטיגקייט פון אזא קאלאניע און זי אונטערשטיצען.

טעאטער-נאטיצן.

קומענדיגען מאנטאג קומט פאר אין זאל פון טעאטער פאלסקי דער איינציגער אויפטריט פון די פאפולערע ארטיסטען יאנאס טורקאוו און דיאנא בלומענפעלד. ס׳וועט געשפילט ווערען „אטענטאט".

פון ווירטשאפטליכן לעבן.

ווי ס׳איז בעוויסט, האט דער. ארטיגער קליינהענדלער-פעראיין נאך דער רעזיגנאציע פון ביורא-לייטער ה׳ נ. גורסקי נישט געהאט קיין סטאבילען פערטרעטער אויפ׳ן דאזיגען אמט. פון די היינטיגע וואך אן אמטירט אויפ׳ן דאזיגען אמט ה׳ טרעגיער געוו. לייטער פון ארטיגען סוחרים-פעראיין, וועלכער איז גוט בעקאנט אין די ווירטשאפטליכע קרייזען.

אויך זאל דער קליינהענדלער-פעראיין אין די נאהנסטע טעג איבערגעטראגען ווערען אויף לעאנארדע 19 אין לאקאל פון דער אמאליגער פאלקס-באנד. אין דאזיגען גרויסען לאקאל זאל זיך אויך געפונען „די פעראייניגטע קרעדיט געזעלשאפט באנק".

רגשי תנחומים אנו מביעים לחברנו
יחיאל ראזענבלום ומשפחתו
לרגלי מותו הטרגי של אחיהם ובנם
אליעזר ראזענבלום, נ״ט
בתוך שאר אבצ״וי ינוחמו ולא יוסיפו לדאבה עוד
סוכעדניוב **לייביל בעקערמאן, איטשע צוקער.**

דאנקזאגונג

מיר דריקען אויס אונזער הערצליכען דאנק דעם ה׳ שלמה סטראזבערג פאר איבערפירען מיט זיין אויטאבוס די ארימע קינדער אויף די זומער קאלאניע אין זאלעשיע.

קאמיטעט פון די זומער-קאלאניע. זאלעשיע

גלייכצייטיג בעטען מיר אויך די קינדער צוריקצוברענגען.

KINO APOLLO

ביז זונטאג איינשליסליך!
גרויסער פעדראפעלטער פראגראם
אלס ערשטער פילם
CNOTLIWA ZUZANNA
לויט די אפערעטע פון גילבערטז
אלס צווייטער פילם
דער קליינער דזשענטעלמאן

KINO APOLLO

גרויסער פריהמארגען פראגראם
שבת 3 און זונטאג 12 און 1^{45} אז.
1) SWIECZNIK KRÓLEWSKI
2) Panowie z Towarzystwa
דער פריהמארגען פראגראם פון מאנטאג
1) CNOTLIWA ZUZANNA
אלס צווייטער פילם
דער קליינער דזשענטעלמאן
Od poniedziałku do Czwartku
א שענער פעדראפעלטער פראגראם:
1) ŚWIAT MÓWI o NAS Maurycy Chewalier
2) HURAGAN z Dorothą Lamour

Jeśli mydło, to mydło «Trójka»

ווי אזוי א שטעטעל האט אפגעראטעוועט דעם עירוב פון א נייע גזירה.

אין דעם גאליצישען שטעדטעל פשעמישלאן איז פונקט ווי אין אלע יודישע שטעטלעך פערהאן אן עירוב, א דאנק וואס פרומע יודען מעגען טראגען אום שבת.

אזוי איז דאס געווען לאנגע-לאנגע יאהרען.

מיט׳ן אויפקומען אבער פון דער אורבאניזאציע איז אויך געפאלען די גזירה אויף דעם פשעמישלאנער עירוב... דער סטאראסטע האט נעמליך געפסקנ׳ט, אז דער דראהט פון עירוב און די דרענגלעך, וואס האלטען אונטער דעם דראהט, פער׳מיאוס׳ען דאס אויסזעהן פון שטאדט און מען מוז עס פונאנדערנעמען...

זענען די שטעדטלדיגע יודען אוועק צום סטאראסטא און איהם אויפגעוויזען, אז די פעראָרדנונג וועגען צונעמען דעם עירוב שטעהט אין סתירה צום געזעץ, אז אן עירוב איז א יודיש ריטועלע איינריכטונג און אזוי ווייטער און ווייטער. אבער דער סטאראסטא האט זיך דערמיט נישט געוואלט רעכענען און דער עירוב איז פונאנדערגענומען געווארען אזוי ווי ער האט פריהער געפסקנ׳ט.

די מעשה מיטן עירוב האט אבער אויפגערודערט דאס שטעטל יודן, און זעהענדיג, אז זיי האבען ניט געפועלט ביים סטאראסטע, האבען זיין אריינגעטראגען וועגען דעם א רעקורס צום אינערן-מיניסטעריום.

איצט האט די שטאט באקומען א תשובה פון מיניסטעריום, אז דער רעקורס איז אנגענומען געווארן און דער עירוב אין פשעמישלאן אונטערליגט ניט דער אורבאניזאציע-גזירה...

די שמחה אין שטאט איז דעריבער זייער גרויס.

א. ק.

אראבגעצויגען די הויזען אין גארטען.

יאן לעזשאק פון בערנארדינסקא 18 איז איינגעשלאפען אין גערטענדל נעבען זיין הויז. די פרישע לופט האט איהם אזוי פער׳שיכור׳ט, אז ער האט גארנישט געפיהלט, ווי פרעמדע הענד שלעפען פון איהם אראב דאס אנטועכץ ער איז טיעף געשלאפען און גע׳חלומ׳ט זיסע חלומות. ווען ער האט זיך איבערגעוועקט, האט ער זיך אליין דערשראקען אין וואס פאר א מעמד ער האט זיך געפונען. ער האט זיך דערזעהן — שוין נישט אין חלום, נאר בהקיץ — א האלב-נאקעטער אהן הויזען, וועלכע זענען אינגאנצען פערשווינדען געווארען.

יאן לעזשאק האט א חשד, אז דאס האבען איהם אבגעטהון דעם „קאוואל" גאסען-מיידלעך. ווי אזוי זיי האבען זיך פלוצלינג אריינבעקומען צו אים אין גארטען — דאס איז נישט בעוויסט.

CÉDIB
UNIVERSITÉ DE BEAUTÉ
PARIS
RACJONALNA
pudry kremy szminki płyny
KOSMETYKA
Własne instytuty kosmetyczne w całej Polsce

Kino ADRIA Do niedzieli d. 14 sierpnia włącznie.
Potężny film sensacyjno - szpiegowski p. t.
«ORIENT EXPRES»
W rol. gł. Kate de Nagy
Nad program: Świetna komedia p. t. „CHEMIK" W rol. gł. BUSTER KEATON
Tygodnik P. A. T.

Kino ADRIA
שבת דעם 13 — 1 און 3 אז.
זונטאג דעם 14 — 12 און 2 אז.
פריהמארגען - פילמען
Wspaniały sensacyjny film p. t.
„Pepe le Moko"
W rol. gł Jean Cabin
Nad program Tygodnik P. A. T.

אכטונג קעלץ!
אין אלע רעדאקציע און אדמיניסטראציע - ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער מיטארבייטער
ק. ביינוואל
שריפטליך יענן מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer - Kielcer - Leben"
Kielce, ul. Warszawska 2.

אבאנאמענטס פרייז:
פאר 3 חודש אין פוילן זלאט
אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק
אין אנדערע לענדער 30 סענט.

1-sza i ostatnia strona liczą 10 szpalt.

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr.
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

Redaktor CH. M. HERC
tel. 15 - 18 .טעל
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20